**קריאה: די מצוות תדירות**

ווייטער זאגט די רמב"ם אז די צווייטע ספר פון די פערצן ספרי יד החזקה און ספרי משנה תורה, **"אכלול בו המצות שהן תדירות, שהן מצות שאנו חייבין בהן תמיד, כדי שיהיו לנו תמיד לזכרון. כדי לאהוב את המקום ולזכרו תמיד"**, כדי מ'זאל אייביג געדענקען די אייבערשטער און אים ליב האבן. **"כגון קריאת שמע ותפלה ותפלין וברכות."**

**מילה — פארוואס אין ספר אהבה?**

דער רמב"ם מיט מילה בכללה. מילה טוט מען טאקע נאר איינמאל אין לעבן, אבער עס איז יא אין א וועג איז עס עפעס וואס איז אייביג. עס האט אויך די ענין פון תדירות. פארוואס? ווייל עס איז אייביג אן אות בבשרנו. ווי לאנג א מענטש האט די ברית מילה אויף זיך, איז עס עפעס וואס קען אים דערמאנען, בשעת ער האט נישט קיין תפילין און נישט קיין ציצית און כדומה.

און מ'האט מסתמא די מדרש וואס שטייט אז ווען דוד המלך האט גארנישט געהאט — א מלך, און א מלך האט א ספר תורה אויף זיך, און ער האט ציצית, און אזוי ווייטער, און זאכן וואס דערמאנען אים דעם אייבערשטן — אבער דוד המלך, ווייל ער איז געווען אין בית המרחץ, האט ער גארנישט געהאט, האט ער געזאגט, "איך האב דאך די מילה." די מילה דערמאנט א מענטש. אזוי ווערלן מיר זאגן, אות היא, ס'איז אן אות צום מענטש.

**דער פסוק "מה אהבתי תורתך"**

ווייטער, קריאת שמע, ספר זה, ספר אהבה, וויפיל די אהבה יוצא מזה, האבן מיר שוין געזאגט, ווייל די זאכן דערמאנען אונז אדער מאכן אונז ליב האבן דעם אייבערשטן.

אויף דעם ספר אהבה לייגט דער רמב"ם צו זייער א שיינע פסוק. אין פראנט פון יעדע ספר לייגט ער א פסוק. זאגט דער רמב"ם א פסוק, געווענליך פון דוד המלך, טאקע דער זעלבער דוד המלך. זאגט דער רמב"ם, דוד המלך זאגט אין תהלים, אין דעם לענגסטן קאפיטל, זאגט ער, **"מה אהבתי תורתך"**. איך האב אזוי שטארק ליב די תורה. ווי זעסטו אז איך האב ליב די תורה? ווייל **"כל היום היא שיחתי"**, איך רעד וועגן דעם א גאנצן טאג, מיט דעם בין איך ביזי א גאנצן טאג.

ס'קען זיין אז **"מה אהבתי תורתך"** איז א לשון הקושיא: ווי שטארק האב איך ליב די תורה? דער ענטפער איז, **"כל היום היא שיחתי"**, איך האב אזוי שטארק ליב ווייל איך רעד וועגן דעם אייביג. דאס איז ממש אזא שוגה בתמיד פסוק.

**חידוש פון הרב רבינוביץ: תדירות אלס מעלה עצמותית**

ס'איז זייער גוט, איך האב געזען אין הרב רבינוביץ, ער ברענגט ארויס אביסל טיפער. דאס הייסט, מ'קען זאגן צוויי פשטים פארוואס דער רמב"ם הייבט אן מיט די מצוות תדירות. אויך דער שולחן ערוך הייבט זיך אזוי אן. תדיר קודם. ס'איז דא אזא כלל, ס'איז א הלכה, ס'איז אויך א סדר אין תמיד. וואס איז יעדן טאג, ס'איז מער נוצליך, מ'דארף עס וויסן יעדן טאג, איז תדיר קודם.

אבער ער זאגט אז מ'קען זאגן טיפער. א תדיר קודם אין פשט, ווייל די גאנצע נושא פון אהבת ה' און לזכור את ה' איז תמיד. דורך דעם איז דאך די גאנצע זאך, אז ס'זאל זיין כסדר. א מצוה וואס מ'מאכט איינמאל א יאר פסח, די זאך איז נישט אז ס'איז פשוט אז ס'קומט מער צייט. די מצוות האבן א געוויסע מעלה עצמות, נישט נאר אז זיי זענען תמיד, אז ס'פעלט אויס צו וויסן כסדר, נאר ס'איז ממש א זאך וואס די אהבת ה' ווערט ארויסגעברענגט אדער ברענגט צו אהבת ה' דורך דעם וואס מ'טוט עס תמיד.

סאו די מעלה פון תמידיות איז טאקע די זאך אז ס'איז תמידיות, נישט אז ס'איז פשוט אן אנדערע צייט. אקעי. קען זיין אז וועגן דעם איז דא אין אונזער הגדה דער שטיקל אז "סלמטה סקריאת שמע של ערבית, כל ימי חייך", אז מ'דארף האבן תדיר, ס'איז נישט גענוג איין מאל. מיר גייען עס גיין זען, מיר ווילן רעדן וועגן דעם אין פרק ה'.

**סדר ההלכות אין ספר אהבה**

אקעי, דאס גייען מיר סקיפן מיין איך די הלכות, די מצוות האבן מיר שוין געלערנט אין זייער הקדמה מיט די אלע זאכן. איך מיין דער רמב"ם שרייבט סימנים אויף יעדע ספר, אבער לאמיר גיין. אויב אזוי, די ערשטע מצוה איז הלכות קריאת שמע. מ'דארף אבער טראכטן איין סעקונדע, פארוואס קריאת שמע? יא, די סדר, לאמיר יא זען אבער די סדר הלכות.

יא, די הלכות גייט קריאת שמע, תפלה וברכת כהנים איז די צווייטע, די דריטע איז תפילין ומזוזה וספר תורה, די פערטע איז הלכות ציצית, די פיפטע איז הלכות ברכות, און די זעקסטע איז הלכות מילה.

**פארוואס דער סדר?**

סאו, וויאזוי פארשטייען מיר די סדר? ס'קען זיין אז דאס איז... ס'איז נישט אלע זענען כמעט יעדן טאג, רייט? די אלע ערשטע זעקס, פינף זאכן, חוץ מילה. מילה איז די לעצטע, אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט אז וואס איז מער תדיר, כאילו ער וועט רעכענען פון דעם וואס איז אלעמאל בימינו, אבער למעשה ס'קומט נישט אינגאנצן אריין אין דעם ספר, סאו ס'איז די לעצטע.

**קריאת שמע — די מערסטע תדיר**

יא, קריאת שמע איז די מערסטע תדיר, וואס איז ממש צוויי מאל א טאג. תפלה איז מדאורייתא איז לאו דווקא אז ס'איז דריי מאל א טאג, לכאורה דריי מאל א טאג איז דרבנן, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט אז די עיקר איז אז יעדן טאג זאל מען מתפלל זיין.

אבער תפילין איז אויך איינמאל א טאג. תפילין, איך ווייס נישט, אויך נישט ממש, ס'איז א מצוה קיומית, יעדן טאג ווען מ'לייגט תפילין האט מען א מצוה, אבער איך ווייס נישט אויב די חיוב איז אזוי שטארק אויף דעם טאג.

און ציצית איז אויך, ציצית איז א מצוה קיומית, א מענטש קען אריינכאפן עס צו גיין אייביג, אבער די חיוב איז נישט פשט אז אויב א מענטש איז נישט געגאנגען איין טאג די ציצית איז ער עובר געווען, ווען ער איז געגאנגען ארבע כנפות אן ציצית איז ער עובר געווען, אבער איין טאג וואס ער איז נישט געגאנגען ציצית איז ער נישט עובר געווען, ער האט מבטל געווען א מצוה קיומית.

משא"כ קריאת שמע, אויב ער האט מבטל געווען איין טאג האט ער מבטל געווען א מצוה וואס ער איז מחויב. זייער גוט. אזוי אויך ברכות, אויב מ'עסט נישט איין טאג, געווענליך א מענטש עסט, אבער אויב מ'עסט נישט... יא, ס'איז גוט.

**מסקנא: די סדר גייט לויט תדירות**

זייער גוט, ס'גייט אויפ'ן סדר, פון קריאת שמע איז די מערסטע תדיר. מדאורייתא, לאמיר טראכטן אזוי, מדאורייתא די סדר היום פון א איד האט צו טון מיט קריאת שמע בוקר וערב. נאכדעם מדאורייתא איז אויך תפלה איינמאל, אבער ס'איז נישט ממש, ס'האט נישט קיין צייט מדאורייתא, יא, די זמן תפלה האט דרבנן געלערנט. משא"כ זמן קריאת שמע איז מדאורייתא, אזוי ווי מיר ווערלן זען לכאורה. און קריאת שמע האט זייער שטארק מיט די

צייט, ווייל גלייך ווען די תורה זאגט די מצוה פון קריאת שמע זאגט עס **"בשכבך ובקומך"**, און דער רמב"ם הייבט גלייך אן מיט דעם.

#### קריאת שמע — עיקר מצוה פון זכירה

קריאת שמע איז א מצוה פון דערמאנען יעדן טאג א איד, עס איז א עיקר מצוה, און דארט זאגט מען טאקע **"ואהבת את ה'"**, איך מיין אז דאס איז טאקע די זאך, לזכור תמיד, אזוויי דער רמב"ם גייט ארויסברענגען אין די ערשטע פרק. ס'איז זייער גוט, סאו דאס וואס מ'האלט מיר דא, הלכות קריאת שמע, האט מצוה אחת, און דאס איז לקרוא קריאת שמע.

#### שש זכירות און דער רמב"ם

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל מ'קען אפשר לערנען פון דא אז דער רמב"ם... מ'זאגט שש זכירות, איך מיין ס'איז פון ספר חרדים, וואס מ'איז מחויב תמיד, און די זאך לכאורה לויט'ן רמב"ם איז אין ספר המדע, אז מ'זאל אייביג וויסן אז ס'איז דא נאר איין באשעפער. אבער איך ווייס נישט אויב דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'איז עפעס וואס מ'דארף יעדן טאג עקטיוולי דערמאנען. יעדע מאל ווען א מענטש טראכט וועגן די וועלט אדער טראכט וועגן די בריאה, זאל ער וויסן אז דער אייבערשטער...

#### זכר יציאת מצרים — דער רמב"ם און דער רמב"ן

מ'דארף גיין זען א מינוט וועגן א פלא זכר יציאת מצרים, איך וויל רעדן א סעקונדע ווי ס'זעט אויס דא פון דער רמב"ם פארשטייט עס. יענע שש זכירות, ס'איז דא א חלק פון זיי וואס דער רמב"ן למשל מאכט פאר א מצוה, אבער דער רמב"ם איז בחילוק, דער רמב"ם ברענגט נישט יענע מצוה זכר יציאת מצרים, די זכירות אין די נאמען פון זכירות.

די זעלבע זאך מרים, דער רמב"ן זאגט אז ס'איז אן אזהרה אויף לשון הרע, און דער רמב"ם זאגט אנדערש, אז ס'איז א מצוה צו געדענקען. ס'קען זיין יענע גאנצע זאך קומט פון שו"ת הרמב"ן, וואס איז אביסל אנדערש וועגן די נוסחאות. די שו"ת הרמב"ן דארף מען טראכטן וועגן דעם ווען מ'לערנט יעצט רמב"ם.

#### מסקנא: שש זכירות איז נישט א חיוב לויט'ן רמב"ם

סאו יא, ס'איז זיכער אז דער רמב"ם פסק'נט נישט יענץ. איך מיין ס'איז זיכער אז ס'איז נאר א... מ'דארף חסידות, איך ווייס וואס שטייט דארט, ס'איז נישט ממש קיין... מ'מוז נישט זאגן די שש זכירות. אויב מ'זאגט עס נישט איז מען נישט מבטל א מצוה. ווען מ'זאגט עס איז זיכער אז לכאורה לויט אנדערע ראשונים טוט מען א מצוה, אפילו לויט'ן רמב"ם טוט מען סתם א מצוה פון לידע את ה', דערמאנען דעם אייבערשטן. ס'איז זיכער א מצוה, ס'איז זיכער א שיינע זאך צו לערנען תורה בכלל. אבער ס'איז זיכער אז ס'איז דא א דיון ממש מיט אחרונים אין יענע איידיע.

#### תלמוד תורה — פארוואס נישט אין ספר אהבה?

על כל פנים, איז דא אן אינטערעסאנטע זאך. תלמוד תורה, אויך דער רמב"ם זאגט אז מ'דארף, די מינימום תלמוד תורה איז צו לערנען יעדן טאג צופרי און בייינאכט, יא? אמת, ס'האט אויך לכאורה א שייכות מיט קריאת שמע, ווייל ס'איז די זעלבע זאך **"ושננתם לבניך"** און **"ולמדתם אותם"**, וואס לכאורה גייט עס אויף קריאת שמע, און מ'לערנט נאר אז ס'גייט אויף כל התורה כולה. אמת.

אבער תלמוד תורה לכאורה איז אן ענין פון ידיעה, ס'איז גאר אויך אן ענין פון ידיעה, ס'איז נישט אן ענין פון אהבה, ס'איז אן ענין פון ידיעה, צו וויסן, און נאכדעם קען מען טון מצוות. ס'איז אויך, די עיקר חובת תלמוד תורה גייט דער רמב"ם זאגן ווי ס'שטייט אין קריאת שמע, מ'גייט מ'זאל פארלערנען דא.

אויך איז דאך זיכער אז די מצוות תלמוד תורה איז נישט קיין מצוה שהזמן גרמא, יא? נישט נאר די בתי דינים, ס'איז נישט געווען קיין עקסטערע לימוד, ס'איז נישט געווען פשט אז די מצוה איז...

דער זמן איז דא א מינימום דאך, א מינימום יעדן טאג עפעס.

יא, רייט. מ'קען זאגן אפשר א זאך אזוי, אז תלמוד תורה איז א מצוה למעלה מן הזמן.

### קריאת שמע — זמן, פרשיות, ותדירות המצוה

#### הקדמה: תלמוד תורה — מצוה תדירה או נצחית?

## Speaker 1:

ס'איז זיכער א מצוה, ס'איז זיכער א שיינע זאך צו לערנען תורה בכלל, אבער ס'איז זיכער אז ס'איז מער ממש מיט די אחרונים יענע איידיע.

על כל פנים, יא, ס'איז דא, ס'איז דא א מצוה פון תלמוד תורה. אויך דער רמב"ם האט געזאגט אז מ'דארף די מינימום תלמוד תורה לערנען יעדן טאג צופרי און בייינאכט, יא? אמת, ס'האט אויך לכאורה א שייכות מיט קריאת שמע, ווייל ס'איז דאך די זעלבע זאך ווי "ושננתם לבניך" און "ולמדתם אותם", וואס לכאורה גייט עס אויף קריאת שמע, און מ'לערנט נאר אז ס'גייט אויף די כל התורה כולה. אמת. אבער תלמוד תורה איז לכאורה אן ענין פון ידיעה, ס'איז אויך דא אן ענין פון ידיעה, ס'איז נישט אן ענין פון אהבה, ס'איז אן ענין פון ידיעה, צו וויסן, און נאכדעם קען מען טון מצוות. ס'איז אויך דא אן אמת. דרך אגב, תלמוד תורה לויט'ן רמב"ם זאגט ער וואס שטייט אין קריאת שמע טאקע, דאס דארף מען לערנען דא. אויך איז דאך זיכער אז מצוות תלמוד תורה איז נישט קיין מצות עשה שהזמן גרמא, יא? נשים זענען פטור נישט וועגן דעם, ס'איז אן עקסטרע לימוד. ס'איז נישט קיין מצות עשה שהזמן גרמא, דער טאג איז גורם. די זמן איז אז ס'איז דא א מינימום דערויף, א מינימום יעדן טאג עפעס.

#### חילוק בין תדיר לנצחי

מ'קען זאגן אפשר אזא חילוק, אז תלמוד תורה איז א מצוה למעלה מן הזמן, דאס הייסט, ס'איז דא מצוות, ס'איז דא א חילוק פון תדיר און נצחי, רייט? תדיר מיינט יעדן טאג, כסדר. נצחי מיינט אז ס'איז נישט תלוי אין צייט, ממילא איז עס אלעמאל. ס'איז דא אזא זאך, ס'קען זיין אז אמונה איז אלעמאל, כל ימינו איז אלעמאל. זייער גוט. די זעלבע זאך, דער חינוך זאגט אז ס'איז דא מצוות תדירות. איך מיין אז ס'איז נישט גערעכט, איך מיין לויט'ן רמב"ם. איך האב נישט קיין השגות אויף דעם ספר החינוך, ער איז א גרויסער איד, און אויך להלכה למעשה איז ער גערעכט, ס'איז א גוטע זאך זיך צו דערמאנען כסדר אין מצוות תדירות, ס'ווערט געברענגט אין מנהגים, אויך אין דער משנה ברורה האב איך געדענקט. אבער איך מיין אז ווי דער רמב"ם לערנט עס, איז נישט פשט אז ס'איז דא א מצוה תדירה פון אמונה. אמונה איז נישט קיין מצוה תדירה בזמן, ס'איז א מצוה וואס איז למעלה מן הזמן, אייביג.

#### מצוות ספר המדע — אייביג, נישט תדיר

מ'קען אפשר זאגן אז אלעס וואס שטייט אין ספר המדות איז אייביג. למשל, מ'זאל אויך זיין בדרך הממוצע, ווען זאל א מענטש נישט זיין אין כעס? אייביג. אייביג זאל ער נישט זיין בגאוה. סאו ס'איז א מצוה וואס איז נישט יעדן טאג, נאר א גאנצן טאג. רייט, עקזעקטלי, נישט יעדן טאג, נאר א גאנצע צייט. כאילו, ס'איז אויך נישט פשט אז מ'טוט עס איין טאג, איז מען מקיים יעצט די מצוה פון היינט לערנען תלמוד תורה. ס'איז גראדע אמת, ס'איז דא אזא הלכה אז מ'דארף לערנען צוויי יעדן טאג. רייט, אז מ'רעדט שוין פון קריאת שמע, אויב א מענטש שלאפט דורך צוויי טעג, האט ער די צוויי טעג מבטל געווען קריאת שמע. אויב א מענטש האט דורכגעשלאפן צוויי טעג, האט ער נישט מבטל געווען די מצוה פון אמונה, אדער די מצוה פון נישט זיין אין כעס. אבער עוד, די מצוה פון אמונה איז נישט די זעלבע זאך ווי די מצוה פון טראכטן פון אמונה, רייט? אז א מענטש גלייבט, איך געדענק נישט יעצט, ס'איז אן אנדערע מצוה, די מצוה פון אהבה, אפשר די מצוה פון געדענקען, "ואהבת את ה'", אדער פון קריאת שמע, וכו', אבער ס'איז שוין ממש א פראקטישע זאך פון די אהבה. אבער די עצה און מצוה פון ידיעת ה' מיינט נישט טראכטן אז ס'איז דא א גאט, ס'מיינט וויסן, רייט? איך פרעג דיך אינמיטן די נאכט, גלייבסטו אין א גאט?

## Speaker 2:

איינמאל ס'איז שוין עסטעבלישט, דארף ער מער נישט עוסק זיין אין דעם? דאס הייסט, ווי לאנג א מענטש ווייסט עס נישט קלאר, אפשר איז יא דא א מצוה וואס ער דארף עוסק זיין כדי עס צו פארשטיין?

## Speaker 1:

יא, ס'איז א מצוה עוסק צו זיין אין דעם. איך וויל נאר זאגן, אז דו וועקסט אויף א מענטש אינמיטן די נאכט און דו פרעגסט אים, "גלייבסטו אין א גאט?", וועט ער זאגן, "יא". סאו ער האט די גאנצע צייט געגלייבט, אפילו ווען ער איז געשלאפן, ס'איז נישט געווען אקטיוו. אקעי. אבער יא, ס'איז זיכער אז ס'איז אנדערש. די מצוות פון ספר אהבה זענען מצוות תדירות, נישט מצוות נצחיות. ספר המדע איז קען מען רופן מצוות נצחיות, מצוות וואס זענען נישט תלוי בזמן בכלל. אקעי, איך מיין אז מיר געבן א טשענס פאר'ן רמב"ם אויך צו רעדן.

**הלכה א': זמן קריאת שמע — "פעמים בכל יום"**

זאגט דער רמב"ם, **"פעמים בכל יום קורין קריאת שמע"**.

איינס, איך האב געזאגט די ערשטע הקדמה.

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

**"מצות עשה אחת, והיא לקרות קריאת שמע פעמים ביום"**. "לקרות קריאת שמע", ס'איז אן עובדא. פארוואס טאקע זאגן זיי אזוי, "ליינען קריאת שמע"? אזויווי "גוט יום טוב". אקעי. **"וביאור מצוה זו בפרקים אלו"**.

## Speaker 2:

ניין, אבער ס'איז אינטערעסאנט, דו וועסט זען, ער הייבט אן, ער רעדט שוין פון וואס די קריאת שמע איז. ס'איז דאך א זאך וואס איז א מוסכם, קריאת שמע, יעדער איינער ווייסט וואס דאס איז.

## Speaker 1:

יא, יא, ס'איז באקאנט מיט'ן נאמען קריאת שמע, דאס פארשטייט מען.

**דער רמב"ם'ס לשון — תדירות איז דער עיקר**

זאגט דער רמב"ם, פרק א', איז די עיקר פון די מצוה, זאגט דער רמב"ם, **"פעמים בכל יום קורין קריאת שמע"**, מען ליינט די קריאה פון שמע, **"בערב ובבקר, שנאמר 'ובשכבך ובקומך'"**. וואס שטייט? "ואהבת את ה' אלקיך", וואס שטייט אז דו זאלסט דערמאנען די אהבת ה', די פרשה, "בשכבך ובקומך". "בשכבך ובקומך" איז נישט... ס'איז דא א שיטה דארט אין די משנה אז ס'מיינט ליגנדיג אדער שטייענדיג, אבער מיר פסק'ענען ווי די מנדאמר אז ס'רעדט פון צייט. "בשעה שבני אדם שוכבים", ווען איז די צייט ווען נארמאלע מענטשן פאר טויזנטער יארן, ביז ס'איז ארויסגעקומען פאונס מיט לייטס, איז ביינאכט זענען מענטשן ליגעדיג. ס'איז דא צוויי מענטשן, מענטשן קענען זיין שטייענדיג און ליגעדיג. איך געדענק, ס'איז געווען א צייט וואס איך בין געווען אין שפיטאל, און ס'איז נישט געווען קיין נארמאלע צייט. האט מיר דער דאקטאר געזאגט, אפילו דו שלאפסט נישט, זע דיך צו ליגן, דער באדי דארף ליגן ליגעדיג פאר א שטיק צייט בייטאג, ס'איז זייער וויכטיג. די צייט ווען מענטשן זענען ליגעדיג, וזהו לילה, בשעה שבני אדם הולכים לבתיהם, און ווען מענטשן זענען שטייענדיג, וזהו יום.

**דער כלי יקר — שכיבה מיינט מנוחה**

דער כלי יקר ברענגט וואס דאס האט געמיינט. שכיבה מיינט נישט שלאפן, שכיבה מיינט א מנוחה פון די גוף. איך הער. פארדעם האב איך עס געזאגט דעם וועג. דער כלי יקר זאגט אז אפילו לויט בית שמאי איז אויך מודה אז מ'דארף ליינען קריאת שמע ביינאכט און בייטאג. ער לערנט נאר ולא עוד, אז ווען ס'איז בשכבך זאל מען נישט טון בשכיבה. יא, אבער ס'איז דאך קלאר אז בית שמאי לערנט אויך. די גמרא זאגט טאקע אז בית הלל זאגט ניין, ס'מיינט נישט דאס, ס'מיינט בשעה. אבער ס'איז דאך קלאר אז בית שמאי איז מודה צו די מצוה פון ליינען קריאת שמע בייטאג און ביינאכט. ס'איז נישט אמת'דיג דא די מחלוקת. דער רמב"ם ברענגט די לשון וואס גייט לויט בית הלל, אבער ס'איז זיכער אז בית שמאי האלט אויך. בית שמאי האלט צוויי זאכן, מ'דארף עס סיי טון ליגעדיג און סיי ביינאכט. אבער ס'קען זיין אז לויט בית הלל איז ער נישט גערעכט, אז ס'מיינט נישט ליגעדיג, ס'מיינט טאקע בשעה.

**פארוואס זאגט די תורה "בשכבך ובקומך" און נישט "ביום ובלילה"?**

פארוואס זאגט נישט די תורה, פארוואס זאגט נישט די תורה ביום ובלילה? פארוואס צו מיינען דאס? איך מיין אז ס'האט יא אביסל א מינינג, ס'האט עפעס צו טון מיט די סדר היום. איך מיין אז די פשיטות'דיגע מקרא אן פארשטיין די דרש פון חז"ל איז, דו זאלסט אייביג ליב האבן דעם אייבערשטן, ווען דו גייסט, ווען דו קומסט, ווען דו ביסט אינדערהיים, ווען דו ביסט אינדרויסן, ווען דו טאנצסט, ווען דו שלאפסט. סאו די תורה רעכנט אויס אלע מיני וועגן, און דו זאלסט עס לייגן אויף דיין טיר, און דו זאלסט... סאו דאס איז די פשטות, דאס איז וויאזוי דער פאעטישער פסוק, וויאזוי מ'דארף עס לערנען, אז דו זאלסט אייביג ליב האבן דעם אייבערשטן, נישט קיין חילוק צו דו וואכסט, צו דו גייסט, צו דו שטייסט, צו דו קומסט, און דו זאלסט עס איבעראל אויפשרייבן. אבער די מפרשי חז"ל האבן עס אריינגעלייגט אין א זמן, אז בשכבך ובקומך זענען צוויי זמנים. ס'איז נישט קיין סתירה, אזוי איז מען טאקע מקיים יענע זאך, יענע שיינע זאך וואס דו זאגסט איז מען מקיים אזוי.

זיי זאגן נאר אז ס'איז נישט ביום ובלילה. חז"ל מאכן עס נאך וועניגער אפילו, אז לויט פשוט'ן מקרא דארף מען א גאנצן טאג מורמלען די פסוקים פון קריאת שמע. איך ווייס נישט. אבער איך מיין נאר צו זאגן אז ווען... ניין, לכאורה די טייטש איז ווען דו גייסט שלאפן און ווען דו שטייסט אויף, נישט ווען דו גייסט צו שטייסט אויף. דער רמב"ם זאגט יא נישט, ווען דו שלאפסט רעדט מען נישט פון קריאת שמע. איך מיין די סיזען, ס'איז דא צוויי עונות, ס'איז דא די עונה פון ביום און די עונה פון לילה, ביי די ביידע איז דא א קריאת שמע פון ביום. מען רעדט נישט ווען דו שלאפסט און ווען דו ביסט אויף. די שעת'ן ווען מענטשן זענען... יא. אבער איך פרעג דיר צו ס'מיינט שוכבים ווען זיי ליגן שוין און שלאפן, אדער רעדט ער א גאנצע נאכט, אזוי איז אמת'דיג די הלכה. אבער ער קען זאגן ווען ס'קומט אריין די עונה פון דיין שלאפן און ווען ס'קומט אריין די עונה פון דיין אויף. ער רעדט דאך צופרי, צופרי און אנפאנג נאכט.

**קריאת שמע איז תלוי אין מענטשן, נישט אין די זון**

מען קען זיכער פארשטיין אז ס'איז נישט... ס'איז אמת אז די הלכה איז ביום ובלילה, אבער ס'איז נישט תלוי אין די יום ובלילה. נישט פשט אז קריאת שמע איז א ברכה אויף די זון וואס קומט ארויף. ס'איז תלוי אין די מענטשן וואס שטייען אויף און גייען שלאפן. ס'איז נישט זמן גורם? דו קענסט עס רופן זמן גורם, אבער איך וועל דיר זאגן אז ס'איז דא צוויי סארט זמן גורם. ס'איז דא למשל שבת ווערט שבת ווייל יעצט איז די זיבעטע טאג פון די וואך, ס'האט צוטון מיט די זון. קריאת שמע ווערט קריאת שמע ווייל יעצט איז די צייט וואס מענטשן שטייען אויף, און דו דארפסט נאכאמאל דערמאנען די אייבערשטער. ניין, נישט וועגן דעם, ווייל די מענטשן שטייען יעצט אויף. ס'איז דא צוויי סארט מצבים פון מענטשן, ס'איז דא מצבים פון מענטשן שלאפן אדער שוכבים, און מצבים פון עומדים. ביי ביידע פון די מצבים... ס'איז זייער א גוטע זאך, וואס איז צוויי states of mind בעסיקלי. דו קענסט זאגן, ווען מענטשן זענען זייער active זאלן זיי דערמאנען די אייבערשטער, און ווען מענטשן רוען זיך אפ און זיי עסן און זיי גייען שלאפן זאלן זיי נאכאמאל דערמאנען די אייבערשטער. ס'איז אזויווי צוויי states of mind.

**דער אמרי נועם — מדאורייתא לויט דעם מענטש'ס אויפשטיין**

און מען קען אפילו זאגן, ס'איז דא אחרונים, ממש אחרונים, וואס ווילן טענה'ן אז אויב למשל, אזויווי דו האסט געזאגט, אויב היינטיגע צייטן איז נישט די דרך בני אדם צו גיין שלאפן אין די צייט, קען זיין אז לפחות

מדאורייתא איז וועג מען שטייט אויף דארף מען ליינען קריאת שמע. דער אמרי נועם רעדט פון די אלע בחורים אז אויב מ'שטייט אויף שפעט איז מדאורייתא דארף מען גלייך ליינען קריאת שמע. ער זאגט אז מ'זאל נישט אנאגן זאגן קריאת שמע, ווייל אמת, וועגן די רבנן איז אפשר שוין אויס די זמן, אבער די דאורייתא זאגט דאך אז וועג דו שטייסט אויף זאלסטו זאגן קריאת שמע. וועג דו גייסט שלאפן, דו גייסט שלאפן אינדערפרי, זאג אויך קריאת שמע. איי, אמת, ס'איז נישט אזוי די הלכה, אבער ס'איז דאך די פשוט'ע פשט איז דאך אזוי. כאילו, אויך אז ס'איז תלוי אין די שכיבה און נישט אין די יום, קען מען אזוי פארשטיין.

**פארוואס הייבט דער רמב"ם אן מיט "פעמיים ביום"?**

אקעי, דאס איז די צייט, יא? ס'איז אינטערעסאנט אז דער רמב"ם האט נישט אנגעהויבן מצות עשה לקרות קריאת שמע, ומה זמנה, ער הייבט אן צו זאגן פעמיים ביום. ס'קען זיין וועגן די אהבה, אזויווי מיר האבן געשמועסט, לויט ווי ער זאגט. די עיקר נקודה פון קריאת שמע איז אז ס'זאל זיין פעמיים ביום, די קאנסיסטענסי, די תדירות דערפון.

**הלכה ב': די דריי פרשיות — יחוד, אהבה, תלמוד**

זאגט ער, ומה היא קורא? וואס איז די קריאת שמע וואס מ'זאגט? זאגט ער, שלוש פרשיות אלו, והיה אם שמוע. ער זאגט נישט ווי די פרשת ציצית, און די פרשת והיה אם שמוע, און די פרשת ויאמר, ווייל מ'זאגט דאך קריאת שמע אפאר יאר פאר מ'הייבט נאר אן לערנען רמב"ם. אבער למשל ביי ויאמר זאגט ער גארנישט, ער זאגט אז די תורה האט באפוילן פרשת ויאמר. מוז זיין אז דער רמב"ם האט געמיינט אז ס'איז שוין דא א סידור. ס'קוק אין רמב"ם'ס סידור, אין רמב"ם'ס סידור שטייט עס אויך נישט. ער זאגט נאר די פסוק, איך געדענק נישט. על כל פנים, דער רמב"ם רעכנט נישט אז ס'שטייט שוין אין תורה שבכתב, ער רעכנט נאר אויף די סידור.

## Speaker 2:

יא, אבער וועלכע ויאמר? שטעל דיך פאר ס'איז דא איינער וואס האט נישט געלערנט, ער איז קיינמאל נישט געווען געגאנגען אין חדר, ער איז קיינמאל נישט געגאנגען, ער ווייסט נישט וואס טוט זיך דא. ער זאגט, "ויאמר", וועלכע ויאמר? דא שטייט שוין במדבר תהיה, יא, די צוגעשטעלטע. העכסטנס וועט ער זאגן אלע ויאמר'ס, איך ווייס נישט ווי ווייט ער גייט עס דארפן.

**פארוואס הייבט מען אן מיט שמע?**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ומקדימין לקרות פרשת שמע"**, די ערשטע פון די דריי פרשיות הייבט מען אן מיט שמע. יא. פארוואס? דאס איז בעצם ויאמר שטייט דאך פריער אין די תורה, אפשר מיינט ער דאס. אמת, אמת. פארוואס הייבט מען אן מיט שמע? **"מפני שיש בה ציווי על יחוד השם"**. שמע רעכנט אונז אויס יחוד השם, ווייל מ'זאגט "ה' אלקינו ה' אחד". **"ואהבתו"**, ווייל ס'זאגט "שמע ישראל", דערהער איך אז ס'איז דא א באשעפער. **"ואהבתו"**. אה, שמע מיינט שמע ואהבתו, אה, I'm sorry. שמע, ואהבתו, און נאכדעם והיה אם שמוע איז די נעקסטע, I'm sorry. ואהבתו איז אהבתו את ה', **"ותלמודו"** איז די מצוה פון תלמוד תורה, ס'דאך די עיקר אז ס'איז דא א תורה.

**תלמודו — לערנען מעשה ה'**

תלמודו איז לערנען דעם אייבערשטן, לערנען וועגן דעם אייבערשטן. ס'שטייט אין די תורה, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלקיך", זאגט דער רמב"ם דארט אז דו ווערסט הויך יאדירך לאהבתו, בשביל שיתבונן. וואס דאס איז א פארט פון תורה, ס'איז דאך לערנען. לערנען איז לערנען מעשה ה'. מעשה ה' האט צוויי פארטס, ווי ס'שטייט אין בורא עולם, ס'איז דא מצוות, ס'איז דא מעשה ה' וואס ער האט באפוילן מצוות, און ס'איז דא מעשה ה' וואס ער האט געמאכט די בריאה,ביידע פון זיי.

**דריי סטעידזשעס פון דער זעלבער זאך**

בעצם איז דא יחוד ה' אז ס'איז דא איין באשעפער. די אהבתו איז אפשר מיינען דאס אז דער אייבערשטער האט עפעס מיט מענטשן, אז ס'איז דא א קשר, און וויסן וועגן דעם אייבערשטן, תלמודו. ס'איז אויך מעגליך אז ס'איז דריי סטעידזשעס פון וויסן די זעלבע זאך. יחוד ה' איז די עצם מציאות. אהבה איז אז מ'האט געלערנט די מצוה פון לערנען, ליב האבן, ושאוגה בה תמיד". און תלמודו איז וויאזוי מ'טוט עס, דורכ'ן תלמוד.

**"שהיא העיקר הגדול שהכל תלוי בו"**

**"שהיא"**, שהיא מיינט, ער גייט ארויף אויף די פסוק אין שמע, אדער אויף די דריי זאכן, די יחוד ה', ואהבתו, ותלמודו, וואס איז אלץ די זעלבע זאך, אלץ די יחוד ה' שהיא... דאס איז דער עיקר הגדול שהכל תלוי בו, די גאנצע תורה, דארט רעדט ער פון די גאנצע בריאה, אבער די גאנצע תורה איז תלוי אין די זאך פון יחוד השם והוייתו ותלמידו.

איז דאס די צווייטע מאל וואס מ'זעט אין די רמב"ם אז די אמת'דיגע י"ג עיקרים וואס די יודען האבן געלערנט הלכות תשובה, עיקר גדול, יא, בחירת נשיאות איז א עיקר גדול, אבער דא זאגט די רמב"ם אז די עיקר הגדול שהכל תלוי בו איז נאר די יחוד השם, דאס הייסט מציאות השם ויחודו, דאס איז די זעלבע זאך, און

**פרשת והיה אם שמוע און פרשת ציצית — ציווי על שאר המצוות און זכירת יציאת מצרים**

**הלכה ב (המשך) — פרשת והיה אם שמוע: ציווי על שאר המצוות**

## Speaker 1:

ואחריו, און נאכדעם שטייט, דאס זאגט מען אין פרשת והיה אם שמוע, אז ס'איז דא א ציווי על שאר המצוות כולן, דארט רעכנט מען אויס אלע אנדערע מצוות אויסער יחוד השם ואהבתו ותלמידו.

איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען, וואו שטייט אין והיה אם שמוע מער מצוות ווי וואס ס'שטייט אין והיה אם שמוע **"תשמעו אל מצוותי אשר אנכי מצוה אתכם היום"**? ס'איז דא אן ענין פון שכר ועונש, אבער ס'שטייט נישט די ווארט מצוות, דאס איז די ווארט. ס'שטייט דארט **"ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך"**, ס'שטייט אויך **"ושננתם לבניך ודברת בם"**, מיין תורה כולו, איז אין ענין פון אהבה.

אה, ער זאגט "ותלמודו" מיינט ער, **"והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך"**, אז די גאנצע תורה זאל זיין על לבבך, דאס איז "ותלמידו".

**דער רמב"ם'ס איבערטייטשונג פון דער משנה**

דאס האלט די משנה נישט, דאס איז די רמב"ם זאגט, טייטשט איבער, דאס איז איינע פון די זייער אינטערעסאנטע זאכן וואס מ'קען זען ווי די רמב"ם טייטשט איבער א משנה. די משנה שטייט, דאס איז קבלת עול מלכות שמים, און דאס איז קבלת עול מצוות. די רמב"ם לייגט אראפ, וואס מיינט קבלת עול מלכות שמים? דאס איז יחוד השם. און עול מצוות איז די ציווי על שאר המצוות. זייער גוט. הייסט דא איז די עיקר הגדול וואס דאס איז יחוד השם, איין מצוה, און נאכדעם איז דא תרי"ב מצוות, דאס איז והיה אם שמוע. שיין גוט. נאכדעם די דריטע, יא.

**פארוואס רעכנט דער רמב"ם נישט אויס שכר ועונש?**

והיה אם שמוע האט אויך די ענין פון שכר ועונש, אבער די רמב"ם רעכנט עס נישט אויס, ווייל ער זאגט וואס די משנה זאגט, ער זאגט נישט זיין מיינונג. נישט נאר די רמב"ם רעכנט עס נישט אויס, די משנה, ס'איז טאקע זייער אינטערעסאנט, איך וואלט געזאגט אז והיה אם שמוע איז די עיקר נושא פון שכר ועונש. נישט די משנה און נישט די רמב"ם האבן געהאלטן אז דאס איז די נקודה.

איך ווייס נישט וואס איז די פשט. ס'קען זיין די רמב"ם וואלט געזאגט ווייל די שכר ועונש וואס שטייט דארטן איז די אינטערעסאנטע וועג וואס ס'האט זיך געמישט אינמיטן סוף פרק מ"ד, אז ס'שטייט נאר שכר בעולם הזה, ממילא איז עס נישט אזוי ווי די שכר ועונש פון בעיקר שכר ועונש וואס שטייט אין פרשת בחוקותי.

אבער אפשר פארקערט, אפשר יענע שכר ועונש איז דאך וועגן מצוות, מ'קען זאגן אזוי. וואס איז די שכר באקומט מען פון פרשת שמע? עולם הבא. ווייל עולם הבא איז די השגת היחידות. און וואס איז די שכר באקומט מען פון טון די מצוות? איז טאקע די חיי עולם הזה, וואס דאס איז מחשב לאוילע. ס'איז א סתירה מיט די נושא פון שאר המצוות.

#### דער רמב"ם האלט זיך צו דער משנה

אבער איך מיין, וואס איך זע דא, איז אז דער רמב"ם וויל זיך האלטן צו די משנה. ווייל ווען דער רמב"ם וואלט ווען געגאנגען אינגאנצן מיט זיך, וואלט ער געזאגט אזוי: אז אין ואהבת איז דא די עיקרים פון יחוד השם, אין עוד מלבדו, און נבואה, יא, וועגן תורה איז נבואה. ער וואלט געקענט מאכן זיינע... דער רמב"ם וואלט ווען געקענט מאכן זיינע תורה.

דער רמב"ם האט דא געוואלט, אזוויו דו זאגסט, איבערטייטשן די משנה פון על מלכות שמים ועל המצוות. ער קען זאגן אז נבואה איז נישט אזא עיקר, ס'איז טאקע מרומז, ס'איז די תורה מילה, אבער ס'איז נישט אזוי...

און נאכדעם, וואו שטייט דא למען ירבו? אהר, רב, ס'איז א פאר משניות שפעטער... ניין, זייער גוט.

דער רמב"ם, אבער די גאנצע סדר פון דער רמב"ם, אויב מען הייבט אן פון אהבה, אהבה איז דאך אין דער רמב"ם'ס אייגענע סדר, בעצם, ער צולייגט פון סדר וועגן דער סדר. אבער אהבה, בעצם הייבט אן קריאת שמע, און די סדר פון ש"ס.

#### פרשת ציצית — זכירת כל המצוות

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם איבער כך פרשת ציצית, **"שגם היא"**, אויך זי, פרשת ציצית, **"יש בה ציווי על זכירת כל המצוות"**, עס האט נאך אמאל א ציווי אויף געדענקען אלע מצוות, נישט נאר אויף טון די מצוות, נאר דארטן שטייט וועגן געדענקען די מצוות, דאס איז וואס דער רמב"ם לייגט די קוועטש אויף, האט דאך עס א טון מיט אהבה, געדענקען אייביג דער אייבערשטער. און דארטן שטייט **"למען תזכרו"**, אייביג געדענקען, וואס סתם איז קומען צום וואס איז געדענקען דער אייבערשטער.

#### פארוואס זאגט מען ציצית ביינאכט?

און דער רמב"ם זאגט ווייטער, זאגט דער רמב"ם, **"לפי שאין מצות ציצית נוהגת בלילה"**, די אנדערע זאכן איז דאך נוהג ביום ובלילה, און ס'איז דאך זייער גוט אז מען ליינט אונז בלילה. נו, פארוואס ליינט אונז ציצית בלילה? ווען ס'איז נישט נוהג ביום, ס'איז א לאו גמור.

זאגט ער, קודם כל נוהג בלילה, נכון **"שיש בה זכרון יציאת מצרים"**, די עצם מצות ציצית איז טאקע נישט דא בלילה, אבער אין די פרשה איז דא זכרון יציאת מצרים, **"ומצוה להזכיר יציאת מצרים ביום ובלילה"**. איז דא נאך א מצוה פון...

#### די מבנה פון דעם רמב"ם'ס סברא

זייער אינטערעסאנט, זעט וואס די עיקר פון וואס מ'ליינט פרשת ציצית איז ווייל ס'איז זכירת כל המצוות, אבער די זכירת כל המצוות טייטש ווייל ציצית דערמאנט אלע מצוות, און מ'דערמאנט ציצית... זייער אינטערעסאנט, זייער אינטערעסאנט די מבנה וויאזוי ער זאגט עס דא, יא.

מ'ליינט עס, מ'זאגט ציצית אליינס איז מזכיר כל המצוות, און ווען מ'ליינט די פרשה פון ציצית איז נאך וויכטיגער ווי ציצית אליינס. ס'טייטש מ'מעג עס ליינען אפילו ווען מ'האט נישט אן ציצית, ווייל ווען מ'ליינט די פרשה דערמאנט מען אלע מצוות. ס'טייטש ליינען קריאה פון פרשת ציצית האט דאס אליין באוודאי ווי גיין ציצית, יא, אז ס'דערמאנט כל המצוות. דארף איך עס זאגן.

ס'טייטש אזוי, ווען מ'האט ציצית איז עס מער אויף אן עקטיוו וועג, יא, ווייל די וועג איז אז ער זאל עס זען אויפן פלאץ, ער דערמאנט די תרי"ג מצוות. אבער על כל פנים, די זאגן דערמאנט אויך די מצוות.

זאגט ער, און ביינאכט, ער וואלט דאך געקענט מסתמא זאגן, אבער ביינאכט דארף מען אויך געדענקען אלע מצוות. ס'איז אביסל אינטערעסאנט אזוי...

#### דער רמב"ם לייגט אריין א סטעפ וואס שטייט נישט אין דער משנה

אמת, וואס ס'זעט אויס אז די רמב"ם האט דא אריינגעלייגט א סטעפ וואס שטייט נישט אין די משנה. אין די משנה שטייט פארוואס איז ציצית די שפעטסטע? ווייל ס'איז טאקע נאר נוהג בלילה, ממילא איז עס באיחור. און אויב אזוי איז דאך שווער פארוואס לייגט מען ציצית בכלל? אויף דעם שטייט דאך אין די נעקסטע משנה, כדי להזכיר יציאת מצרים ביום ובלילה. ס'איז טאקע א מחלוקת, אבער מיר האלטן ווי די חכמים.

ממילא וואס איך פרעג איז, אז דו קענסט ווען זאגן אז אפילו די מצות ציצית איז נישט נוהג בלילה, אבער זכירת כל המצוות איז יא נוהג בלילה. זייער גוט, אבער דאס זאג איך דאך, אז די רמב"ם גייט בעקווארדס לכאורה.

ס'הייסט, די משנה האט נאר געשטאנען, און פארדעם טאקע לייגט מען נישט ציצית... לייגט מען ציצית די לעצטע, ווייל ס'איז שוואכער, ווייל ס'איז נאר נוהג בלילה. אבער די משנה זאגט נאך בכלל נישט פארוואס מ'ליינט ציצית. אין די משנה שטייט נאר די נושא פון יציאת מצרים, אבער דאס וואלט דאך געווען גענוג.

די רמב"ם האלט אז ווייל ס'איז נאך פרשת יציאת מצרים, אדער סתם, ס'קומט נישט ממש דא אריין, ס'הייסט, אזוי ווי יציאת מצרים וואלט דאך געווען גענוג. זאגט די רמב"ם, קודם כל מצות ציצית באלאנגט בעצם צו די גאנצע נושא, ווייל ס'איז זכירת כל המצוות. און אויב אזוי, פארוואס לייגט מען עס... ס'איז נישט אזוי שווער, אויב איז טאקע נישט אזוי שווער, איך ווייס נישט וואס די קשיא אף על פי איז, אויב ס'איז געגרעכט, ס'איז נישט אזוי קלאר.

## Speaker 2:

וואס איז שווער אף על פי? אויב זכירת יציאת מצרים איז נישט נוהג ביינאכט, וואלט אפשר נישט געפאסט צו ליינען די קריאה פון דעם ביינאכט.

## Speaker 1:

אבער ער זאגט אז מ'ליינט עס יא ביינאחט, **"מפני שיש זכר ליציאת מצרים"**, און יציאת מצרים איז יא נוהג ביום ובלילה. **"מצוה להזכיר יציאת מצרים ביום ובלילה, שנאמר 'למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך'"**.

#### דיסקוסיע: איז זכירת יציאת מצרים א באזונדערע מצוה?

#### ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האלט נישט אז ס'איז א באזונדערע מצוה

## Speaker 1:

ס'זעט אויס דא אז דער רמב"ם האלט נישט אז ס'איז דא... יעדער איינער ווייסט, ווען ס'קומט פסח יעצט, די אפיציעלע שיעור איז די שיעור פון ערשטן טאג פסח. ס'קומט אויס אז... און ווען מ'לערנט וועגן די מצוה פון זכירת יציאת מצרים פאר פסח, איז דא א שמועס אין די אחרונים וואס איז די חילוק, דו האסט דאך א מצוה יעדן טאג. מ'זאגט דאך אין די הגדה של פסח די משנה וואס זאגט **"למען תזכור"** אין די הגדה.

ס'זעט אבער אויס פון די רמב"ם אז ס'איז נישט ממש דא א מצוה פון יציאת מצרים ביום ובלילה. ס'איז נישט ממש א מצוה, ער רעכנט נישט צוויי מצוות, "לקרוא קריאת שמע" און "להזכיר יציאת מצרים". ס'איז משמע פון די רמב"ם אז די גאנצע נוסח פון "מצוה" — אמאל האט מען געלערנט אז "מצוה" מיינט אמאל ס'איז א גוטע זאך, לאו דוקא א מצוה פון תרי"ג מצוות.

ס'זעט אויס אז די מצוה קומט נאר צו פארענטפערן פארוואס מ'טשעפעט צו זאגן פרשת ציצית. ס'איז אבער אנדערש, אז קריאת שמע האט אזוי: קריאת שמע האט די מצוה פון למען יחד השם, ס'האט די מצוה פון למען צווי המצוות, און ס'האט א מצוה פון למען יציאת מצרים. אזוי וואלט איך געזאגט.

אדער קען זיין אז אלע מצוות זענען א זכר ליציאת מצרים, ס'שטייט דאס אויך. נישט דאס, דאס איז גאר א ברייטע זאך.

**דער רמב"ם וואלט געקענט זאגן אנדערש**

אבער דער רמב"ם זאגט נישט דאס. דער רמב"ם וואלט געקענט זאגן אסאך אנדערע זאכן, אבער דער רמב"ם וואלט געקענט זאגן בפירוש אז ס'איז דא צוויי מצוות אין קריאת שמע, די דריטע פרשה איז אן אנדערע מצוה.

ס'איז משמע פון די רמב"ם אז די דריטע פרשה איז נאר אזא פרט אין פארוואס מ'זאגט עס ביינאכט. ס'שטייט אזוי: די בעצם סיבה פארוואס מ'זאגט ציצית איז ווייל זכירת כל המצוות. אבער ס'איז דא א סיבה פארוואס מ'זאל ביינאכט אויסלאזן ציצית.

סאו לאמיר זאגן אזוי, ווי מ'זיצט אין בית המדרש, זאגט א חכם: "לאמיר אויסלאזן ציצית ביינאכט". מ'זאגט: "פארוואס זאלן מיר עס אויסלאזן?" זאגט ער: "ווייסטו וואס, לאמיר עס עניוועי לאזן, ווייל ס'איז דא אן אנדערע מעלה דארט, מ'דערמאנט יציאת מצרים". סאו די גאנצע מצוה איז נאר א מעלה וואס איז גורם אזוי ווי מ'זאגט, ווען מ'מאכט די סידור, וועלכע פרשה לייגט מען אריין אין די סידור? אה, פאר דעם. אבער ס'העלט נישט אז ס'איז ממש א מצוה חיובית. ס'איז מער אזוי ווי א שיינע זאך. דו האסט אסאך פרשיות, א שיינע זאך. איז איינע פון די שיינע זאכן איז יציאת מצרים.

**דיסקוסיע וועגן דעם פסוק "למען תזכור"**

## Speaker 2:

דער פסוק **"למען תזכרו"** גייט דאך אויף ציצית, סאו אז ס'איז א פסוק פון ציצית איז דאס...

## Speaker 1:

ניין, דער פסוק האט נישט ציצית. **"למען תזכרו"** איז טייטש אויף פסח, צו געדענקען.

## Speaker 2:

ניין, ניין, דער פסוק פון דברים ט"ז, **"למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך"**, דער פסוק שטייט אויף פסח, ווען מ'גייט מאכן פסח, **"למען תזכור"**. וויאזוי שטייט?

## Speaker 1:

אבער אין והיומר שטייט, ס'גייט אויף ציצית, **"למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי"**.

## Speaker 2:

ניין, נישט **"תזכור את יום צאתך"**, **"למען תזכרו את כל המצוות"**. ס'איז **"וזכרתם ועשיתם את כל מצוותי"**, ס'איז געדענקען די מצוות. **"למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים"** שטייט אויף דאס וואס דו מאכסט פסח, אויף **"לא תשחט על חמץ"**, אויף מאכן דעם יום טוב פסח און עסן מצה. ס'איז נישט בכלל...

דער פסוק פשוט פשט איז זייער שווער צו לערנען פון דעם אז ס'איז דא א מצוה פון געדענקען יציאת מצרים. יא, ס'איז דא געדענקען יציאת מצרים **"כל ימי חייך"**. די גאנצע דרשה איז זייער ווייט פון די פשוט'ע פשט פון די פסוק.

**דער רמב"ם ברענגט נישט די גמרא'ס דרשה**

## Speaker 1:

פון דעם האט דער רמב"ם לכאורה געלערנט אז ס'מיינט נישט אז ס'איז דא א נייע דין פון **"לזכור את יום צאתך"**, ס'מיינט **"כל ימי חייך"** יעדן טאג. ס'איז נאר, דו זעסט אז די תורה וויל מ'זאל געדענקען כסדר. מ'קען אפילו מאכן א ריבוי. דער רמב"ם ברענגט נישט אפילו די ריבוי.

דו זעסט, דער רמב"ם ברענגט אפילו נישט די גאנצע דין פון די גמרא, אז "כל" איז לרבות הימים, לרבות הלילות. ער גייט נישט אריין אין דעם.

## Speaker 2:

וואס איז דען וואלט געווען ממש א מצוה?

## Speaker 1:

וואלט איך דאך געדארפט אריינגיין, ס'איז דא א מקור, און פון דעם לערנט מען אז ס'מיינט אויך ביינאכט. דער רמב"ם אין מנין המצוות רעכנט נישט אויס אן עקסטערע מצוה פון **"למען תזכור את יום צאתך"** יום ולילה. ס'איז א מצוה **"למען תעשה חוק הדבר החשוב הזה"**. ס'איז א זאך וואס אלע מצוות זענען תלוי אין דעם, איז כדאי מ'זאל שוין אריינלייגן אויך די ענין פון יציאת מצרים.

אין פסוק זעט מען בפירוש נישט, יא, ס'איז דא א זאך צו געדענקען. געדענקען איז נישט קיין חילוק צו בייטאג אדער ביינאכט, רייט? אלעמאל געדענקען. ס'איז נישט פשט אז ס'איז דא א מצוה. אזוי לכאורה זעט מען חוץ פון די נוסח פון...

**דער רמב"ם זאגט נישט אז יציאת מצרים דערמאנט די מצוות**

און דער רמב"ם זאגט אויך נישט דאס אז יציאת מצרים דערמאנט אליין די מצוות. ס'קען זיין אז וואס דער רמב"ם וואלט געמיינט צו זאגן איז אזוי: פארוואס זאל מען נישט ביינאכט זאגן עפעס אן אנדערע פרשה וואס דערמאנט אלע מצוות? ס'איז דאך דא נאך פרשיות וואס ס'שטייט אז מ'זאל געדענקען די מצוות פון די אייבערשטער.

איז אפשר געווען א שיינע זאך, אזוי פרי ווען מ'לייגט ציצית, פאסט צו זאגן דעם פסוק וואס איז זכירת כל המצוות. ביינאכט זאל מען עפעס דערמאנען עפעס אן אנדערע. זאגט ער אז אויסער זכירת כל המצוות איז דא אין די פרשה נאך עפעס א מעלה פון זכירת יציאת מצרים.

## Speaker 2:

אמת, אמת. **"אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם"** שטייט זייער סאך.

## Speaker 1:

איך ווייס נישט, ס'איז נישט קלאר. נאך אלעס איז מיין איך נישט קלאר אינגאנצן.

**קריאת שמע: פרשת ציצית, ברוך שם כבוד מלכותו, וברכות קריאת שמע**

**הלכה ב (המשך) — פרשת ציצית ביינאכט**

ס'איז אפשר געווען א שיינע זאך, אז צופרי ווען מ'לייגט ציצית פאסט צו זאגן די פסוק וואס איז זכירת כל המצוות, ביינאכט זאל מען עפעס דערמאנען עפעס אנדערש. זאגט ער אז אויסער די זכירת כל המצוות איז דא אין די פרשה נאך עפעס א מעלה פון זכירת יציאת מצרים.

נאך מער פרשיות איז דא זכירת יציאת מצרים. אמת, אמת. **"אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים"** שטייט זייער אסאך. איך ווייס נישט, ס'איז נישט קלאר, נאך אלעס איז מיין איך נישט קלאר אינגאנצן לדעתי. דאס הייסט, איינער וויל זאגן פשוט פשט פארוואס די חכמים האבן געטשוזט אדער צו זאגן פרשת ציצית מדאורייתא, און די רבנן צו זאגן די דריטע פרשה. ס'איז אויך א קליינע פרשה, ס'איז שווער צו טרעפן א קליינע פרשה וואס איז סעלף-קאנטעינד, וואס ס'שטייט א גאנצע מצוה, ס'איז דא אסאך מאל יציאת מצרים, אבער ס'איז דאך א לאנגע פסוק, און די חכמים ווילן נישט זאגן א שטיקל וואס איז נישט קיין גאנצע. פארשטייט זיך, מ'וויל נישט סתם ארויסנעמען א שטיקל קאט ענד פעיסט.

**הלכה ב (סיום) — קריאת שלש פרשיות על הסדר**

עניוועיס, עד כאן, דאס הייסט קריאת שמע. **קריאת שלש פרשיות אלו על סדר זה**, די סדר איז וויכטיג, אפשר שפעטער וועט ער זאגן וואס טוט זיך ווען מ'האלט נישט די סדר. **היא הנקראת קריאת שמע**, ווייל די סדר איז ווייל יחוד השם איז וויכטיגער און אזוי ווייטער, און דאס איז קריאת שמע. ווען מ'זאגט קריאת שמע מיינט מען אלעמאל די דריי, אלע דריי.

איז ביז דא האבן מיר געלערנט וואס איז די טייטש די עיקר קריאת שמע, וואס איז די טייטש די מצוה פון קריאת שמע מדאורייתא וואס מ'דארף טון. יעצט גייט דער רמב"ם צולייגן אן אינטערעסאנטע מנהג וואס די אידן האבן, אלע אידן האבן דאס, נישט קיין חלק פון די מצוות נאר א מנהג, וואס

מ'לייגט צו נאך א זאך צו קריאת שמע. דאס הייסט, חוץ פון די דריי פרשיות וואס מ'זאגט, שמע, והיה אם שמוע, ויאמר, איז דא נאך א שטיקל וואס מ'לייגט צו.

### הלכה ד — ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד

#### די מסורה פון יעקב אבינו

זאגט דער רמב"ם, **הקורא קריאת שמע, כשגומר פסוק ראשון, אומר בלחש,** זאגט מען שטילערהייט די פסוק **"ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד"**. דאס איז נישט קיין פסוק, דאס איז א סטעיטמענט, ס'שטייט נישט אין ערגעץ. ס'שטייט נישט. וואס איז די ערשטע מקור? ס'איז זיכער אז ס'שטייט ערגעץ. ס'שטייט אין די גמרא? ניין, ס'איז א מנהג דאך, מ'גייט שוין זען פון וואו ס'קומט די מנהג, ס'איז א מסורה. ניין, אבער דאס שטייט אין א מדרש, די זאך וואס דער רמב"ם זאגט נאך איז א מדרש אדער א גמרא. יא, אבער ס'שטייט נישט אין ערגעץ די ווארט "כבוד מלכותו", שטייט ערגעץ? שם און כבוד און מלכותו שטייט. ברוך שם כבוד מלכותו שטייט דאך נישט אין פסוק.

זאגט דער רמב"ם אזוי, ווען מ'ענדיגט דעם פסוק, זאגט מען שטילערהייט די מאמר פון דברי חז"ל, **"ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", וחוזר וקורא כדרכו,** מ'גייט צוריק צו די המשך פון די פסוקים, און מ'זאגט **"ואהבת את ה' אלקיך" עד סופה.**

#### פארוואס איז עס נישט בל תוסיף?

זאגט דער רמב"ם, לאמיר קוקן קיין, וואס איז פשט פון דעם? אפשר וואלט דער רמב"ם געבארגט, פארוואס איז עס נישט אן ענין פון בל תוסיף? אקעי, לויט'ן רמב"ם איז דאס נישט בל תוסיף, אבער רבונו של עולם, וואס איז די צולייגן צו די עצם מצוה פון קריאת שמע? יא, ס'איז געווען אמת'דיגע אידן וואס האבן עס נישט געזאגט, יא, אנשי יריחו, כח נשיא, האבן עס נישט געזאגט, אזוי איז דער רמב"ם משמעות'דיג מורה.

#### דער מעמד פון יעקב און די שבטים

אבער דער תירוץ איז אזוי, זאגט דער רמב"ם, **מסורת היא בידינו**, איז דא א מסורה אין אונזערע הענט, **אז בשעה שקיבץ יעקב אבינו את בניו במצרים בשעת מיתתו,** יעקב אבינו שטייט דארטן אין פרשת ויחי, יעקב אבינו האט צוזאמגענומען זיינע קינדער, און ער האט געזאגט **"האספו ואגידה לכם". וציום והזהירם על יחוד השם,** ער האט זיי מצווה געווען און זיי געווארנט אויף יחוד השם, **ועל דרך ה' אשר הלך בה אברהם ויצחק אביו.**

אזוויי דער רמב"ם האט געזאגט אין ספר המדע, אז אברהם אבינו האט מודיע געווען די אידישקייט פאר די גאנצע וועלט, און נאכדעם האט ער געשטעלט יעדער א זוהן, אברהם האט נאכדעם געשטעלט זיין זוהן יצחק, און יעקב זענען געווען די ראשי ישיבות און מפרסמים אלקותו יתברך, און פאר יעקב שטארבט וויל ער איבערגעבן די מסורה פאר זיינע קינדער.

און איז א מזכיר פאר יחוד השם, ווייל דרך ה', יחוד השם איז וואס אברהם אבינו האט ערפינדן, אנדערש ווי די עובדי כוכבים פון זיין צייט. און אויך **"ושמרו דרך ה'"** איז א זאך וואס אברהם אבינו האט מחדש געווען, אז מ'האט א שכר, און אז מ'דארף גיין אין דרך ה' און גיין אין די מדות און מצוות, גיין מיט מדות טובות, זיך אויפפירן ווי א מענטש, ווי א איד, ווי א צדיק.

**ושאל אותם ואמר להם,** ער האט זיי געפרעגט, **"בני, שמא יש בכם פסולת,** איז דא צווישן אייך איינער וואס טויג נישט? **מי שאינו עומד עמי ביחוד אדון כל העולם,** איינער וואס האט צוויי קעפ, איינער וואס איז נישט מיט מיר אויף די זעלבע פעידזש אז ס'איז דא איין גרויסע אדון כל העולם?"

#### פאראלעל צו משה רבינו

אין וועלכע מין וועג האט ער עס געפרעגט? זאגט ער אזוי ווי מ'זעט נאך איינער וואס פאר ער איז געשטארבן, אין זיין צוואה צו בני דורו, פרעגט ער אויך אזא קשיא, אזוי ווי משה רבינו פרעגט דארט אין די דברים סדרה, **"פן יש בכם איש או אשה"**, אפשר איז דא צווישן אייך איינער וואס דארף חיזוק, וואס מ'דארף אים שנעל מחזיר בתשובה זיין. איז אה, יעקב אבינו האט נישט דאס געזאגט וואס איך וועל זאגן פאר דעם. ניין, אבער דער רמב"ן ברענגט אז... ניין, ווי זעט מען אז ס'איז א ידיעה אז איינער זאל פרעגן פאר ער שטארבט אזא מין שאלה?

אזוי ווי משה זאגט, יא. נאר דארט טאקע, איך ווייז אביסל פאר דעם. און די זעלבע זאך דא, האט משה געפרעגט **"פן יש בכם"**. זאגט דער רמב"ן, אז מילא דא איז דא א מסורה אז יעקב האט שוין געפרעגט דאס, אפשר איז דא איינער פון מיינע קינדער וואס האט, מסתמא נישט, און אויב יא וועל איך אים שנעל אויסטרעטן, יא.

#### "שמע ישראל" — די ענטפער פון די שבטים

**"ענו כולם ואמרו לו"**, האבן אלע צוועלף קינדער געענטפערט, **"שמע ישראל"**, און דאס איז דער ישראל, זיי רעדן צו ישראל, צו יעקב אבינו, און זיי זאגן, **"ה' אלקינו ה' אחד". כלומר, "שמע ממנו אבינו ישראל"**, די אנדערע וועגן האבן געגומען אז "שמע ישראל" רעדט צו יעדער איד, אבער משה רבינו זאגט "שמע ישראל", הער אויס איד. אבער ער זאגט ניין, אז דאס האט שוין אן עלטערע מסורה, אז דאס איז דער לשון וואס די צוועלף שבטים האבן געענטפערט פאר יעקב. ער זאגט, "שמע ממנו", הער אויס פון אונז, אבינו ישראל, ניין, אונז אלע גלייבן אז **"ה' אלקינו ה' אחד"**, דער ה' וואס איז אלקינו, אונזער גאט, אונז האבן נאר איין גאט. דאס איז וואס די שבטים האבן געזאגט.

**פתח הזקן וענה,** האט דער אלטער געענטפערט, **"ואמר ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".** ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן, ער האט זיך געפרייט. אדער ס'קען זיין אז זיי האבן אפשר געטראכט אז אפשר האבן זיי ארויסגעזאגט מיט די שם המפורש, און ער האט געענטפערט "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" אזוי ווי די כהנים והעם. ווייל זיי האבן געענטפערט, זאלסט נישט מיינען אז איך בין עפעס סטאק אויף די בעל אדער אויף איך וויס נישט וועלכע בעל פעור, **"ה' אלקינו ה' אחד"**. האט ער שנעל געזאגט "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

#### וואס איז דער טייטש "ברוך שם כבוד מלכותו"?

ס'איז א גוטע פשט? אזוי ווי ס'שטייט אז ווען דער כהן גדול זאגט דעם שם המפורש זאגט מען "ברוך שם". איז נישט קיין דיליט, "ברוך שם" מיינט אז ס'איז שוואך. "ברוך שם כבוד מלכותו" איז א שוואכע ענטפער. אבער ס'איז אויך אזוויי ווען מ'טוישט דעם אייבערשטן, אזוויי מ'זאגט כביכול "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". דאס איז נישט די פשט. די ריזען פארוואס מ'זאגט "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" ווען מ'זאגט דעם שם בפירוש, אזוויי די רבנים זאגן, איז נישט צו דיליט'ן, ס'איז צו מכבד זיין דעם אייבערשטנ'ס נאמען.

וואס איז יעצט מגלה געווארן? אז מ'זאגט נישט פאר גארנישט. מ'זאגט יעצט א... מ'איז משבח דעם אייבערשטן. ס'ווירקט אויס פאר גארנישט. השם, ברוך שם כבוד מלכותו. מ'זאגט עס נישט לשבח, ס'איז נישט קיין פארגאונעס. אבער די עובדא איז אז לכתחילה האט מען עס נישט געזאגט. אבער "ברוך שם כבוד מלכותו" איז די ריכטיגע זאך. ווען מ'איז מזכיר שמו דארף מען משבח זיין, דארף מען... ווי ס'שטייט, "כשם שאני קורא בגדול", וואטעווער די לשונות זענען. איז "ברוך שם כבוד מלכותו" איז פשוט אן ענטפער אזא.

**לפיכך נהגו כל ישראל לומר שבח ששיבח בו ישראל הזקן אחר פסוק זה,** פירן זיי זיך צוצולייגן צו דעם פסוק "שמע ישראל" האט יעקב אבינו צוגעלייגט די מימרא, זאגן אונז דאס צו.

#### פארוואס בלחש? — דער רמב"ם'ס שווייגן

ס'איז א זייער אינטערעסאנטע מעשה, ס'איז זייער אינטערעסאנט וויאזוי דער רמב"ם ברענגט אונז דאס צו. און נאך א זאך איז, דער רמב"ם זאגט נישט, אזוויי דער כסף משנה איז מעורר, דער רמב"ם זאגט נישט דא פארוואס מ'זאגט נישט בלחש. יא, יעדער איינער ווייסט די מעשה מיט די מלאכים, אבער דער רמב"ם זאגט נישט. דער רמב"ם זאגט אז מ'זאגט דאס

בלחש, ס'איז נישט קיין חלק פון די פסוק. אבער ער זאגט נישט דאס, ער איז נישט מסביר פארוואס מ'זאגט דאס בלחש לפי שאין אומרים. קען זיין ער מיינט אז מ'זאל דאס פארשטיין.

#### די "אויספירונג" פון דעם מעמד

לכאורה מוז זיין אז די "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" איז שוואך בפני עצמו. ס'הייסט נישט פשט אז יעקב אבינו האט עס אינוועטנטעד, קען זיין אז איינער אנדערש האט עס געזאגט, איך ווייס נישט. אבער די פשט איז, ביי יענעם מעמד איז עס אויך געווען בלחש. יא, אבער טראכט, אלע צוועלף שבטים האבן געשריגן "שמע ישראל". יעקב אבינו איז אן אלטער איד, מ'זאגט ער איז א זקן, ער ענטפערט מיט א שוואכע אלטע קול "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". יעדע מאל וואן אונז שרייען "שמע" הויך, און נאכדעם זאגט מען "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", עקט מען אביסל אויס די מעמד. ס'איז זייער אינטערעסאנט. די גאנצע "שמע" זאגט די עולם בקול רם, די גאנצע עולם, אזויווי די שבטים זאגן, און נאכדעם זאגט מען אזוי ווי אן אלטער איד זאגט עס שטיל. אינטערעסאנט. ס'סאונדט מיר אז דאס ליגט אין די לשון "ישראל סבא". יא, אויך איז דא **"ובחר בישראל"** אזא זאך. אבער ער וועט זאגן אז דער ישראל דא איז נישט דער כלל ישראל, נאר דער אינדיווידזשועל ישראל. דער אלטער ישראל. ס'איז דא דער נייער ישראל, וואס איז אונז, און ס'איז נישט כסדר די נייע. אבער דער אלטער ישראל, דער זיידע ישראל, אפשר מיינט עס יעקב אבינו. דער אלטער, דער זיידע.

#### די חשיבות פון "ברוך שם כבוד מלכותו"

די גמרא איז דן אין די חשיבות, ס'מאכט סענס צו זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". פשט איז, וואן מ'זאגט **"ה' אלקינו ה' אחד"**, מ'זאגט אזוי ווי מ'זאגט אין מקדש, אז וואן מ'מאנט אחדות ה', ייחוד ה' בשמו, פאסט צו זאגן א שבח. וואס איז דער טייטש "ברוך"? וואס איז "ברוך"? "שם כבוד מלכותו" זאל ווערן א נעקסט לעוועל. **"ה' אלקינו ה' אחד"**, דו האסט שוין געזאגט "שם", ער איז אחד. זאגט ער, אז דער שמו איז ברוך לעולם ועד. ס'איז עפעס אן ענטפער, נעקסט לעוועל. און מ'זאגט אז יעקב אבינו... פארוואס קומט די שאלה דא אריין? דער תירוץ איז, ס'איז געווען א מעשה, יעקב אבינו האט עס שוין געזאגט, און ס'פאסט אריין א גאנצע צייט אינמיטן א פרשה. "שמע", "ואהבת", ס'גייט א המשך. דער תירוץ איז עפעס אזוי.

#### הלכה ה — ברכות קריאת שמע

אקעי, לאמיר לערנען ווייטער. זאגט דער רמב"ם נאך פארשידענע פרטי הלכות, זאגט דער רמב"ם אזוי. וויאזוי מיר האבן עס געלערנט, וואס איז דאס קריאת שמע, און פארוואס מ'לייגט צו דעם אינטערעסאנטן שטיקל אינמיטן וואס הייסט "ברוך שם כבוד". יעצט גייען מיר לערנען אז דא איז דא מדרבנן א מצוה אדער א הלכה צו זאגן א ברכה פארדעם און נאכדעם. די ברכה איז נישט קיין ברכת המצוות, ס'איז ברכת השבח אזוי ווי, אבער מ'זאגט ברכות פאר קריאת שמע און נאך קריאת שמע. מיר גייען זען די מצוה אז מ'זאל זאגן די ברכות און די הלכות פון די ברכות.

#### די סטרוקטור פון די ברכות

זאגט דער רמב"ם: **"כשהקורא קורא קריאת שמע"** — דריי מאל שטייט דא די ווארט "קורא" — **"כשהקורא קורא קריאת שמע, מברך לפניה ולאחריה"**. ער מאכט א ברכה פארדעם און נאכדעם. וויאזוי ארבעט עס? **"ביום מברך שתים לפניה ואחת לאחריה"**. די ברכה פון "יוצר אור" וואס ענדיגט זיך מיט "סוף הכל ברוך", **"ואחת לאחריה"** וואס הייבט זיך אן מיט "ויציב" און ס'ענדיגט זיך מיט "גאל ישראל". ס'הייבט זיך אן "אמת ויציב". **"ובלילה מברך שתים לפניה ושתים לאחריה"**.

#### פרטים פון די ברכות

זאגט דער רמב"ם אזוי: **"ביום, ראשונה שלפניה"** ביום זאגט מען יוצר אור מיט די חתימה פון **יוצר המאורות, והשניה אהבת עולם** מיט די ברכה **הבוחר בעמו ישראל באהבה.** נאכדעם **אמת ויציב** מיט די ברכה פון **גאל ישראל.**

**ובמעריב** איז אזוי: **ברכה ראשונה שלפניה בלילה** איז **מעריב ערבים, והשניה אהבת עולם אוהב עמו ישראל. ואחריה אמת ואמונה, והשניה השכיבנו.** איז דא צוויי נאכדעם, און איינער נאכדעם איז אמת ויציב, מנוי לא אשכחניה.

#### הלכות קריאת שמע: ברכות קריאת שמע, מטבע שטבעו חכמים, וסדר הברכות

#### הלכה ו: סדר הברכות — שחרית וערבית

### Speaker 1:

זאגט אריין דער רמב"ם אזוי: **ביום ראשונה שלפניה, ביום זאגט מען יוצר אור מיט די חתימה פון יוצר המאורות. שנייה לה אהבת עולם מיט הבוחר בעמו ישראל באהבה. נאכדעם אמת ויציב מיט די ברכה פון גאל ישראל. ובערב איז אזוי: ברכה ראשונה שלפניה בלילה איז מעריב ערבים. די צווייטע איז אהבת עולם בית ישראל עמך אהבת. און די דריטע... נא, צוויי נאכדעם. און נאכדעם איז אמת ואמונה והשכיבנו.**

און דאס זענען די זיבן ברכות. די וואס מען פירט זיך צו זאגן ברוך ה' לעולם איז נישט קיין ברכה פון נאך קריאת שמע, זעהסט אז ס'איז אן עקסטערע ברכה אריינגעלייגט דארט. יא, ס'קומט נישט דא אריין. איך האב געזאגט ס'איז נישט קיין... ס'איז נישט מיט קריאת שמע. ס'איז ווי אריינגעלייגט אן עקסטערע זאך. ס'איז געקלעימט פאר שמונה עשרה, וואטעווער, ס'איז א דיפערענט סטארי. יא, ס'איז דא די צוויי ברכות, סארי, צוויי ברכות פארדעם און איינס נאכדעם אינדערפרי, און צוויי און צוויי ביינאכט.

יעצט, די צוויי ברכות האבן... דו האסט געזאגט אלעס גלייך שנעל, ס'מאכט שווערער צו לערנען. נישט שווערער, איך מיין, די ברכות... דער רמב"ם האט נישט געזאגט וויאזוי די גאנצע נוסח הברכות. די גאנצע נוסח הברכות וועט זיין אין די ענד פון די ספר, אין נוסח התפילה גייט אים דער רמב"ם אויסזאגן. אבער ער זאגט אפילו די נוסח פון די ברכות, ער זאגט נאר די קעפל, זאלסט וויסן פון וואס מען רעדט. ער זאגט די הלכות פון די ברכה.

#### הלכה ז: כלל פון פתיחה וחתימה בברוך

### Speaker 1:

די ברכה שלפניה, סיי די ברכה שלפניה, די ערשטע ברכה, אה, יא, יא, איז בין ביום בין בלילה, די ערשטע סטאטש, די ערשטע וואס הייבט זיך אן מעריב ערבים אדער יוצר אור, הייבט זיך אן מיט "ברוך אתה ה' יוצר אור" אדער "ברוך אתה ה' אשר בדברו", יא, הייבט זיך אן מיט ברוך, און ס'ענדיגט זיך מיט "ברוך אתה ה' מעריב ערבים" אדער "ברוך אתה ה' יוצר המאורות".

אבער די אנדערע ברכות, אהבת עולם, הייבט זיך נישט אן מיט "ברוך אתה אהבת עולם", ס'ענדיגט זיך מיט ברוך, חותמת בגלל עצמה בברוך, אבער די אנהייב האט נישט קיין עקסטערע פתיחה מיט א ברכה, אזויווי אמת ויציב ונכון האט נישט קיין פתיחה מיט ברוך.

לכאורה דאס איז פשוט הכלל, איך מיין ער גייט עס לייגנען זאגן די כלל שפעטער אין הלכות ברכות, אבער דאס איז לכאורה געוועגליך פשוט'ע כלל, אז מ'זאגט צוויי ברכות אויף א סדר, קומט נישט די צווייטע מיט אן אנהייב פון ברוך. סאו הגם דא איז דא א הפסק פון קריאת שמע, אבער ס'הייסט נישט קיין הפסק לגבי די ברכות, סאו אפילו די ברכה שלאחריה הייבט זיך נישט אן מיט ברוך, אבער עס ענדיגט זיך מיט ברוך. סאו איך געדענק אז ס'איז דא א כלל, אבער דא זאגט ער נישט די כלל, ער זאגט דא די פרטי הלכה. נאר די ערשטע ברכה פון די אלע צוויי סעטס הייבט זיך אן מיט ברוך.

#### הלכה ח: מטבע שטבעו חכמים — אין משנה ממטבע

### Speaker 1:

יעצט גייען מיר לערנען וואס קומט זיך אויב א איד האלט, ער האלט אנדערש, ער וויל טון... מיר האבן יעצט געלערנט הלכות אז מ'דארף קודם, מ'דארף מאכן די לשונות אפשר? מ'דארף זען אויב מיר האבן אויך די לשונות, על כל פנים, אז די ערשטע האט א ברוך און נישט די צווייטע. וואס

אויב איינער וויל מאכן אנדערש? גייען מיר לערנען די הלכה אז מ'טאר נישט מאכן אנדערש. מ'דארף טון אזוי ווי ס'שטייט די סדר פון די... וואס האבן זיי יעצט געזאגט.

זאגט דער רמב"ם, **"ברכות אלו עם שאר כל הברכות הערוכות בפי כל ישראל,"** די ברכות, און די זעלבע זאך אלע אנדערע ברכות וואס זענען ערוך בפי כל ישראל, וואס אידן ווייסן קלאר די ברכות, ס'איז באקאנט ביי אידן. אה, אפשר דאס איז די סבה, ווייל פארדעם זאגט ער אפשר נישט גלייך וואס ס'מיינט, ווייל אלע אידן ווייסן נישט. **"עזרא ובית דינו תקנום,"** דאס האט עזרא הסופר מיט זיין בית דין מתקן געווען. די בית דין וואס מ'רופט אין אנדערע פלעצער אנשי כנסת הגדולה, מיר גייען לערנען וועגן דעם בפירוש אין די אנהייב פון הלכות תפילה.

זאגט דער רמב"ם, **"ומפני זה אין אדם רשאי לפחות מהן ולא להוסיף עליהן."** ווייל אזא חשוב'ע בית דין האט עס מתקן געווען, און ממילא איז עס געווארן אנגענומען, איז האט נישט דער מענטש א רשות, ס'איז שוין נישט נאר עפעס א הצעה, אזוי ווי עזרא האט געמאכט אן עקזעמפל, אבער דו קענסט זאגן דיינע אייגענע ברכות. ניין, אזוי ווי עזרא איז מתקן געווען, און ס'איז שוין געווארן ערוך בפי כל ישראל די וועג, קען מען נישט צולייגן אדער אראפנעמען.

**דיון: וואס מיינט "משנה ממטבע"?**

### Speaker 2:

אבער איך וויל פארשטיין, דער רמב"ם למשל וויל דא מיינען אז אויב א מענטש למשל יאגט זיך, ער וויל אויסלאזן ווערטער פון די סדר פון למשל "ותשכון בתוך ירושלים", ער וויל ארויסלאזן דארטן די "ובנה אותה בנין עולם" די גאנצע שטיקל, ער טאר נישט, ווייל די ברכה איז געווארן מסודר אזוי? אדער די חלק ה"ברוך", די אנהייבן בברוך און ענדיגן ברוך, דאס קען מען נישט טוישן? איך מיין די נעקסטע שטיקל... זעט אויס אז דער רמב"ם מיינט איינס פון די.

### Speaker 1:

אזוי, לאמיר לערנען ווייטער, יא? ס'איז נישט קלאר. דער רמב"ם בפשטות האלט אז מ'דארף זאגן, קודם כל דארף מען זען וואס דער נוסח איז. מ'דארף קוקן צו דער רמב"ם זאגט בכלל די אופנים אדער נישט. ס'איז דאך דא א מחלוקת גאונים וראשונים צו מ'דארף עס זאגן בייחוד. אבער וואטעווער די נוסח איז, הליכותיהם של ישראל, דאס וואס שטייט אין אונזער סידור מיינט נאך נישט הליכותיהם של ישראל. ס'קען זיין אז דער רמב"ם האט געהאט אן אנדערע נוסח.

אבער דער רמב"ם לכאורה האלט, קודם כל וואס ס'שטייט דא שטייט נישט יענץ. ס'שטייט דא לכאורה נאר אז מ'טוט אנדערש ווי די סדר. אבער די אמת איז, דער רמב"ם זאגט דא אין הלכות תפילה, און ס'איז דא וועגן דעם תשובות, דער רמב"ם האט געהאלטן אז זיכער לכתחילה זאל מען זאגן פונקטליך די נוסח וואס שטייט, וואס איז מתקן געווען. ער האלט אז ביי די עבודה קען מען מוסיף זיין, אזויווי די פיוטים פירט מען זיך מוסיף צו זיין, הגם ס'איז נישט אויסגעהאלטן, אבער ס'איז מענין הברכה, סאו מ'קען נישט זאגן אז ס'איז אסור. אבער וואס ס'רעדט זיך דא לכאורה איז די נושא פון פותח בברוך און חותם בברוך. אבער ס'איז די אמת'דיגע מחלוקת ראשונים. דער רמב"ם האלט לכאורה אז משנה מטבע מיינט אז מ'דארף טון די גאנצע זאך אזויווי ס'שטייט.

**פרטי הלכה: פותח בברוך וחותם בברוך**

### Speaker 1:

לאמיר זען וואס דער רמב"ם זאגט. **"מקום שהתקינו לחתום בברוך",** פלעצער וואו עזרא ובית דינו האבן מתקן געווען אז די ברכה זאל זיך ענדיגן מיט ברוך, **"אינו רשאי שלא לחתום",** טאר מען נישט נאר זאגן די אנהייב און נישט ענדיגן מיט ברוך. **"ומקום שהתקינו שלא לחתום",** א פלאץ, א ברכה וואו, למשל, וועלכע ברכה הייבט זיך אן מיט ברוך און ענדיגט זיך נישט מיט ברוך?

### Speaker 2:

אלע ברכות הנהנין למשל. אה? שהכל נהיה בדברו, וכדומה. ביי קידוש, די צווייטע ברכה.

### Speaker 1:

אבער זייער אסאך ברכות, אלע קורצע ברכות. ס'הייסט א קורצע ברכה, ווייל ס'איז נאר איין מאל. מ'ענדיגט נישט שהכל נהיה בדברו ברוך אתה ה'. מ'טאר נישט צולייגן, **"אינו רשאי לחתום". "מקום שהתקינו שלא לפתוח בברוך",** אזויווי למשל מ'הייבט אן "אהבה רבה אהבתנו", **"אינו רשאי לפתוח",** מ'טאר נישט צולייגן א ברוך. **"ומקום שהתקינו לפתוח",** אויכעט **"אינו רשאי שלא לפתוח",** מ'טאר נישט אראפנעמען די אנהייב, מ'טאר נישט אנהייבן "אשר בדברו ברא עולמו" אנשטאט זאגן "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם".

**"כלל של דבר, כל המשנה ממטבע שטבעו חכמים"** פון דער נוסח וואס די חכמים האבן מתקן געווען די ברכות איז ארויסגעווארפן.

### Speaker 2:

און?

### Speaker 1:

און וואס די לשון חז"ל איז אויך ארויסגעווארפן אדער אביסל שארפער פון דעם?

### Speaker 2:

ארויסגעווארפן, און ער איז נישט יוצא געווען. ממילא, וחוזר ומברך כמטבע שטבעו חכמים, דארף ער צוריקגיין און מברך זיין אזויווי די מטבע שטבעו חכמים.

**דיון: וואס מיינט "מטבע"?**

### Speaker 1:

איך מיין אז די מטבע שטבעו חכמים איז אפשר אזא מליצה, אזויווי ווען א גאווערמענט מאכט א קארענסי קען נישט יעדער איינער יעצט נעמען א פרינטינג מאשין און מאכן, נאר אויב יא גייט מען דיך ארעסטירן, ס'איז א דאס. זאגט מען אזויווי אונזער קארענסי איז ברכות, דו קענסט נישט, ס'האט א... יא? ס'איז א גוטע פשט, דאס איז וואס זיי האבן געמיינט.

### Speaker 2:

דאס איז די טייטש.

### Speaker 1:

איך זאג דאס איז די מליצה. זאגט ער ווייטער, מטבע איז אזויווי מ'האט געמיינט, מטבע איז א לשון טבע, א מנהג, אזויווי דער רמב"ם זאגט טבע מנהגו של עולם, א מנהג.

### Speaker 2:

ניין, טבע איז לשון טבע איז שפעטער, ס'איז פארקערט, ס'איז געקומען פון דא. אין אנדערע ווערטער, די לשון טבע איז א חידוש פון די ראשונים, און די חז"ל האבן נישט געוואוסט אז טבע מיינט נעטשער. ס'איז פארקערט, איך מיין אז טבע מיינט ליטעראלי, דו ווייסט, אזויווי א סטעמפל. דאס הייסט, אזויווי א מטבע האט מען געסטעמפט, האט מען א טביעה, קען מען זאגן, יא, טביעה ווי ים סוף, אבער ס'מיינט אז ער האט איינגעטונקען אדער געסטעמפט אין די מטבע. דאס הייסט, זיי האבן געסטעמפט, כלומר זיי האבן חוקק געווען די נוסח.

### Speaker 1:

ניין, איך מיין אז דאס איז די דמיון, אז קארענסי באלאנגט פאר די גאווערמענט און ברכות באלאנגט פאר די בית דין.

### Speaker 2:

ניין, אבער דאס זאג איך, דאס איז מער די סטעמפלינג, דאס הייסט, זיי האבן חותם געווען, זיי האבן געזאגט אז דאס איז די נוסח, דו זאלסט נישט מאכן

א... מ'דארף קוקן אויף אנדערע פלעצער וואס ס'שטייט די סארט מליצה. אבער מטבע איז נישט טייטש א קוין, מטבע איז טייטש א דבר, טעקניקלי, ליטעראלי, ס'טייטש א זאך וואס האט א חותם, אזא טבעת שיש לה חותם, קען זיין אז די טבעת איז לאו דוקא א טבעת, אפשר אזא זאך. א דבר וואס האט א חותם, א זאך וואס איז נטבע, טבע מיינט זיי האבן איינגעקריצט אין די מטבע.

## Speaker 1:

אקעי.

#### הלכה ח (המשך): אמת ויציב בשחרית, אמת ואמונה בערבית

## Speaker 1:

און נאך אן אינטערעסאנטע הלכה וואס איך פארשטיי נישט וואס... זאגט ער ווייטער, **וכל שאינו אומר אמת ויציב בשחרית, ואמת ואמונה בערבית,** די ברכה פון לאחריו, **לא יצא ידי חובתו,** ער איז נישט יוצא געווען די חוב. איז וואס קען מען זאגן אז ער איז נישט יוצא ידי חובתו? אז ער האט נישט געליינט קריאת שמע כתקנה. דאס הייסט, ער האט מקיים געווען לכאורה די מצוות עשה, און ער האט נישט געטון די מצוה פון קריאת שמע אויף די אופן וויאזוי חכמים האבן אים מתקן געווען. ער האט נישט יוצא געווען די חובה פון ברכות קריאת שמע.

סאו דאס איז די לשון פון די גמרא, די אנדערע לשון אמר רבא, ער האט געזאגט דוקא די לשון. דער רמב"ם אסאך מאל ברענגט אזעלכע לשונות פון גמרא נאכדעם וואס ער איז מסביר די כלל, און מ'ווייסט נישט קלאר וואס ער וויל. דאס איז קודם כל א זאך וואס דער רמב"ם טוט אסאך מאל.

#### הרב רבינוביץ'ס פשט

## Speaker 1:

און הרב רבינוביץ טענה'ט אז דער רמב"ם מיינט דא צו זאגן אז דאס איז נאך א דין פון מתשנה מטבע שטבעו חכמים. אין אנדערע ווערטער, דער רמב"ם פארשטייט אז די הלכה מיינט, און אזוי ברענגט ער פון תשובת הרמב"ם וואו ס'איז משמע אזוי, אז זייט אז מ'טאר נישט טוישן, איינער זאגט, וואס איז א חילוק אמת ויציב אדער אמת ואמונה? ס'מיינט בערך די זעלבע זאך. איך וועל זאגן אמת ואמונה אינדערפרי, אמת ויציב ביינאכט. ניין, לא יצא ידי חובתו, פשט איז אז דער רמב"ם לערנט אז ער זאל איבערזאגן, ער זאל זאגן די ריכטיגע נוסח. מ'טאר נישט ארומדרייען די לשונות. סאו דא זעט מען אז ס'איז יא דא ממש יעדע ווארט וואס איז מדויק. הגם מ'קען זאגן אז דאס איז א הקפדה פון חכמים, אז דאס זאל זיין מדויק, אנדערע זאכן קען מען יא טוישן. אבער וואס דא זעט אויס יא, אז דער רמב"ם לערנט פון דעם אז ס'איז א דיוק אויף יעדע ווארט, אז מ'דארף זאגן ויציב אינדערפרי און ואמונה ביינאכט.

#### דיון: וואס מיינט "לא יצא ידי חובתו"?

## Speaker 2:

אה, אז די סדר זאל זיין דוקא אויף די אופן. די נוסח, די גענויע ווערטער. יא. אבער ס'קען זיין אז לא יצא ידי חובתו מיינט אז ער האט נישט מקיים געווען קריאת שמע כמנהג חז"ל צו זאגן מיט ברכות.

## Speaker 1:

ניין, ווייל ס'פעלט אים די מצוה פון קריאת שמע. ווייל קריאת שמע קומט מיט ברכות. לא יצא ידי חובתו פון די מצוה דאורייתא פון קריאת שמע.

## Speaker 2:

ניין, לא יצא ידי חובתו פון די מצוה דאורייתא פון קריאת שמע, ווייל די מצוה דאורייתא פון קריאת שמע איז דאך עולה מיט ברכות קריאת שמע. אין אנדערע ווערטער, ער וועט חוזר זיין, ער וועט דארפן חוזר זיין און מתפלל זיין, נאכאמאל זאגן.

## Speaker 1:

אבער ס'שטייט אז ער דארף נאכאמאל ליינען קריאת שמע.

## Speaker 2:

ניין, דאס איז א ברכה לאחריו, איך ווייס נישט.

## Speaker 1:

ניין, ער איז נאך קריאת שמע. אה, ער האט געטוישט אהבה רבה צו אהבת עולם? יא, אזא זאך קען זיין.

#### הלכה ט: אם הקדים ברכה שניה לראשונה

## Speaker 1:

אזוי זאגט דער רמב"ם ווייטער. יעצט גייען מיר לערנען אויב מ'האט געטוישט די סדר פון די ברכות. דאס הייסט, מיר האבן יעצט געלערנט אז די ברכות אליינס מוז מען טון אויף די ריכטיגע אופן, מיט א פתיחה און א חתימה, מ'טאר נישט פארדרייען א קאפ. וואס איז אויב איך האב בטעות אדער בדוקא, איך ווייס נישט, געזאגט אהבה רבה פאר המעריב ערבים? קען איך לערנען אז דעמאלט איז עס נישט מעכב, ווייל די גאנצע איז פאני, ווייל דעמאלט שטימט נישט וואס איך האב געזאגט, די ריזן וואס איך האב געזאגט פתיחה וברכה וואס קומט נאכדעם. על כל פנים, לאמיר לערנען. יא?

זאגט דער רמב"ם, **אם הקדים ברכה שניה לברכה ראשונה,** ער האט געזאגט קודם "אהבה רבה" פאר "יוצר אור", **ביי "ביום" ביי "בלילה", ביי "לפני" ביי "לאחרי",** נישט קיין חילוק וועלכע ברכה, אבער ער איז נישט געגאנגען לויט די סדר. איז ער יוצא? זאגט ער, יא, **יוצא געווען, וויבאלד ס'איז איין סדר הברכות.**

דער משנה ברורה מיט בעל שם טוב חכמים מיינט אז ער האט געטוישט אין די נוסח פון די תפילה, אבער אויב האט ער נאר געטוישט די סדר, דאס איז נישט די מתבייש תלמידי חכמים, וואס טייל חכמים האבן עס טאקע אויסגעשטעלט א געוויסע סדר, אבער אויף דעם האבן זיי נישט אזוי געמיינט.

#### זמן קריאת שמע — הלכות א-ד

#### הלכה ב' (המשך) — סדר הברכות ודין טעות בברכות

## Speaker 1:

דאס איז נישט די... נישט געמאכט א סדר. זייער גוט, ער ברענגט דאס שוין. ערגעץ ווי געשען די סדר. ס'קען זיין אז די סדר האט נישט עזרא געמאכט, נאר שפעטער די חכמים. איין סדר מיינט... אה, איך מיין אז איינער איז די טייטש אז ס'איז נישט פשט אז אהבת עולם איז א המשך פון דעם. ס'איז בעצם צוויי ברכות, ס'איז צוויי ענינים וואס מ'האט געוואלט רעדן וועגן פאר קריאת שמע, אבער ס'איז נישט אז אויב מ'מאכט פארקערט איז עס א פראבלעם.

די איינציגסטע זאך וואס איז פאני איז אז מ'האט דאך יעצט פריער געזאגט אז די ריזן פארוואס מ'ענדיגט נישט ברוך ביי די ערשטע און נישט ביי די צווייטע איז ווייל אזוי גייט די סדר, מ'דארף נישט זאגן נאכאמאל ברוך. קומט אויס אז אפשר אויב איינער מאכט די פארקערטע סדר, דארף ער פותח זיין בברוך ביי די צווייטע, אפילו אויב ער זאגט אהבת עולם, דארף ער אנהייבן "ברוך אתה ה'", איך ווייס וואס.

אזוי ברענגט ער אז דא טאקע די מגיד האט חולק געווען מיט די שאלה. אבער אפנים, אפשר דאס איז אויך נישט מעכב. אפשר, דאס הייסט, איך האב געזאגט אז אפשר די אידיע איז אז די ברכה ראשונה איז פותח בברוך, ס'איז א דין אין ראשונה אדער ס'איז א דין אין המעריב ערבים. אויב איינער זאגט די ערשטע, אויב ס'איז איין סדר לברכות, אפשר קען ער אפילו לכתחילה, אפשר איז דאס נאר בדיעבד. ער וויל נאר לכתחילה זאגן אהבת עולם פאר דעם, אבער ער דארף זאגן ברוך, ווייל די הלכה איז די ערשטע ברכה איז פותח בברוך. אבער מסתמא איז די גאנצע זאך איז בדיעבד, עניוועיס.

#### דין טעות בברכות — מ'גייט נאך די חתימה

יעצט גייען מיר לערנען נאך א זאך, וואס עס געשעט אויב איינער האט זיך צעמישט. דאס הייסט, ער האט אנגעהויבן... ס'איז דא אן אנהייב און אן ענד פון יעדע ברכה. ס'הייבט זיך אן המעריב ערבים, און ס'ענדיגט זיך המעריב ערבים, יא? וואס איז אויב מ'הייבט אן מיט די ראנג ברכה? יא, מ'הייבט אן מיט די... מ'האט זיך צעמישט, מ'האט געמיינט אז ס'איז אינדערפרי אדער פארקערט.

יא, בשחר, אויב מ'האט אנגעהויבן מיט יוצר אור, אבער ביי די חתימה פון די ברכה האט מען געזאגט המעריב ערבים, לא יצא. פארוואס לא יצא? ווייל ער האט משנה געווען ממטבע שטבעו חכמים, רייט? ניין, ווייל ער האט געמאכט א מיסטעיק, ער האט געזאגט די ראנג ברכה. ער האט זיך צעמישט, ער זאגט... מ'גייט בעיקר אויף די סיום. אזוי זאגט דער רמב"ם, יא.

אבער **פתח במעריב ערבים וסיים ביוצר אור, יצא.** ווייל ביים ענד האט ער געזאגט גוט. ווייל דער ברוך אתה השם יוצר אור, ער האט געמאכט די ראנג ברכה, אבער וויבאלד ביי די סוף האט ער געזאגט די ריכטיגע, איז ער יוצא געווען. אזוי זאגט דער רמב"ם דא. מ'גייט נאך לשון אחרון, מ'גייט נאך די סוף.

ער גייט אויספירן די כלל דא. זאגט דער רמב"ם אין הלכה ב', **פתח במעריב ערבים וסיים ביוצר אור, לא יצא. אבער פתח ביוצר אור וסיים במעריב ערבים, יצא, שכל הברכות הולכין אחר חתימתן.** אין די ברכות קוקט מען בעיקר אויף די חתימה פון די ברכות.

דאס איז דא א גמרא אין ברכות, וועגן דעם איז דא א גרויסע וויכוח, די ראשונים פארשטייען זיי מחולק מיט'ן רמב"ם. עניוועי, דאס איז דער רמב"ם'ס כלל. און מ'וועט לערנען, אויב איינער האט נערוועז און צייט צו לערנען די גאנצע סוגיא און אלע מחלוקת, דא אליין אין כסף משנה און זאכן, וועט ער זאגן צו ס'איז ריכטיג. ווייל אין די גמרא איז משמע אז ס'איז דא נאך תנאים, ס'וועט ענדט זיך וואס ער האט געטראכט, ער האט געמאכט א טעות בלשון, ער האט אין זין געהאט אין די אנהייב די ריכטיגע זאכן. אבער דער רמב"ם מאכט עס אזוי פשוט, ס'איז אלעס תלוי וואס מ'זאגט אין די ענד. אז דו זאגסט אין די אנהייב די ראנג אנהייב, דאס איז נישט קיין חילוק.

אזוי זאגט דער רמב"ם, ס'איז דא אין הלכות ברכות פאר אנדערע טעותים, יא, ער האט נישט געוואוסט וועלכע ברכה ער גייט מאכן. אקעי.

דאס איז עד כאן וואס מיר האבן געלערנט די נוסח קריאת שמע. יעצט, וואס מ'זאגט קריאת שמע אליין, און נאכדעם די נוסח פון ברכות קריאת שמע.

---

**הלכה ג' — זמן קריאת שמע של ערבית**

יעצט גייען מיר לערנען די זמן קריאת שמע, ווען מ'לייענט קריאת שמע. זאגט דער רמב"ם ווייטער, ס'איז נאך אלץ אין זמן קריאת שמע, יעצט גייט ער אריינגיין אין די דיטעילס.

זאגט דער רמב"ם, **איזהו זמן קריאת שמע בלילה? מצותה משעת צאת הכוכבים עד חצות הלילה.** דאס איז די עיקר מצוה, די מצוה בהידור, מ'זאל עס טון בלילה, מ'זאל עס טון פון צאת הכוכבים, פון אנפאנג נאכט ביז אינמיטן די נאכט.

**ואם עבר או איחר וקרא עד שלא עלה עמוד השחר, יצא ידי חובתו.** אויב האט ער פארשפעטיגט און ער האט נאך געליינט פארטאגס, פאר'ן עמוד השחר, פאר'ן פארטאג, איז ער יוצא ידי חובתו, אזוויו די ערשטע משנה אין ברכות.

**ומה שאמרו עד חצות,** די סיבה פארוואס חז"ל האבן געזאגט עד חצות איז נישט וועגן נאכדעם קען מען נישט, מעיקר הדין קען מען נאכדעם ביז צופרי, **אלא כדי להרחיק מן הפשיעה,** ווייל נאכדעם איז דאך שוין די סדר אז מענטשן זאלן ווערן נמשך בשינה, מיט שלאפן, מיט פארגעסן, איז הרחקה. יא. דאס איז נישט משנה געווען, ס'איז נאר א זמן, ס'איז נאר א גדר, א סייג. ס'איז א סייג, מ'טאר נישט, מ'דארף לכתחילה ליינען פארדעם. אויב ער האט נישט, האט ער יוצא געווען.

**נאך עלות השחר — נאר פאר אנוסים**

זאגט ep, **הקורא קריאת שמע של ערבית,** וואס איז נאכדעם? דאס הייסט, זיי האבן געלערנט, ווען הייבט זיך אן נישט קיין ספק, ס'הייבט זיך אן ביינאכט, קריאת שמע של ערבית הייבט זיך אן ביי די צאת הכוכבים, ס'ענדיגט זיך ביז עלות השחר. אבער וואס איז נאך עלות השחר?

**הקורא קריאת שמע של ערבית אחר שעלה עמוד השחר, אפילו אם קרא קודם הנץ החמה, לא יצא ידי חובתו, אלא אם כן היה אנוס, כגון שכור וחולה וכיוצא בהם.** דעמאלטס, ווייל ער איז געווען אן אנוס, גיבט מען אים נאך. ס'טייטש, ביז הנץ החמה הייסט נאך נאכט. הנץ החמה הייסט נאך א שטיקל נאכט, און ווייל ער איז געווען אן אנוס, איז שוין, נו, וועט מען אים לאזן.

זאגט ער, ס'איז דא אן אינטערעסאנטע זאך, לא יצא ידי חובתו, אבער אן אנוס, א גבאי פועל איז אויף די זעלבע זאך, ווייל זיי קענען מאכן נאך א צוואה צו האלטן ביים זאגן. איך מיין אז נישט, די תקנה איז אנדערש ווי די חכמים.

אבער דא שטייט א נייע חידוש, אז בדיעבד גדול קען מען ליינען קריאת שמע של ערבית נאך ביז די הנץ החמה, נישט נאר ביז עלות השחר, נאר ביז די הנץ החמה. און אבער ס'איז דא איין חילוק.

**אנוס זאגט נישט השכיבנו**

זאגט דער רמב"ם, די אנוסים מיינען אז ווייל ער איז אן אנוס, הייבט זיך יעצט אן די נאכט. ס'ארבעט נישט אזוי. ס'איז דא מענטשן וואס מיינען אז די זייגער דרייט זיך ארום זיי.

**ואינו קורא ברכה שלפניה, ברכת השכיבנו.** ער קען נישט יעצט זאגן אז יעצט ווערט נאכט, און מ'מאכט יעצט א ברכת השכיבנו השם אלוקינו, וואס ס'מיינט א ברכה פון בעטן אויף נאכט. די ברכה זאגט ער, טאקע ווייל קריאת שמע איז דאורייתא, זאגט מען אז מ'זאל נאך אריינכאפן ווילאנג ס'איז נאך דא עפעס א שטיקל וואס הייסט נאך א שטיקל לילה. אבער די ברכה פון לילה דאס קען מען נישט זאגן.

השכיבנו מיינט אז מ'גייט יעצט שלאפן, דאס איז א תפילה אויף דעם וואס מ'גייט שלאפן גיין, מ'זעט נישט יעצט. אפילו אויב דער שכור גייט יעצט גיין שלאפן, אבער ס'מיינט בעטן אויף די שכיבה פון מענטשן, בעטן דעם אייבערשטן זאל אפהיטן די מענטשן ווען זיי שלאפן וכדומה.

## Speaker 2:

עקזעקטלי, דאס איז נישט, ס'איז נישט, ס'שטייט עפעס א קלארערע זאך, ניין, אמת? ס'הייסט דאך ביום, ס'איז דאך עובד צום פארקערטן. ס'הייסט דאך ביום, סאו השכיבנו זאגט מען נישט ווייל ס'הייסט ביום.

## Speaker 1:

און מצד שני, זמן שכיבה איז עס, וויבאלד ער גייט יעצט שלאפן, און ס'איז דא מענטשן וואס וועלן שלאפן נאך ביז די נץ, הייסט עס יא "ובשכבך" לגבי די פסוק "ובשכבך" הייסט עס יא, אבער לגבי די ווארט "השכיבנו" הייסט עס נישט. ס'קען זיין אז "השכיבנו" איז ווען דו גייסט שלאפן, און "ובשכבך" איז די שלאפן אליין. ווען דו גייסט שלאפן.

ער ברענגט אז רבינו יונה האט געזאגט אז ער קען זאגן יא די ברכה, ער זאל נאר זאגן "השכימנו" אנשטאט "השכיבנו". וועגן די שאלה פון די לשון, די לשון "השכיבנו" שטימט נישט, ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'גייט יעצט טון. רבינו יונה איז געווען א איש צדיק. אזוי ברענגט די כסף משנה.

איך זע נישט דא רבינו יונה אליין, ער האט געזאגט רבינו יונה? דער רמב"ם שטאמט פון רבינו יונה'ס אייניקלעך, אה, אזוי האבן מיר דאס נישט נאכגעזשט. אקעי. אזוי זאגט ער טאקע? ער זאגט שיינע זאכן, ער זאגט "על מה שאנו אומרים כדי שיאמרו רבנן אחריו", אקעי, ס'קומט נישט אריין. אזוי זאגט ער אז רבינו יונה האט שיינע זאכן. אקעי.

איז דאס איז די נושא פון זמן קריאת שמע פון ביינאכט, ווען ס'הייבט זיך אן און ווען ס'ענדיגט זיך. ס'איז דא בעיסיקלי דריי זמנים ווען ס'ענדיגט זיך:

חצות, עלות השחר, און נץ החמה, דריי לעוועלס פון דיעבד.

---

**הלכה ד' — זמן קריאת שמע של שחרית**

יעצט קענען מיר לערנען פון זמן קריאת שמע בייטאג. ווען איז די קריאת שמע של יום, של שחרית? דער רמב"ם זאגט שוין "יום", שחרית, של יום.

**ואיזהו זמנה ביום? משיכיר בין תכלת ללבן.** אה, די זעלבע זאך ווי דא, אויך דא צוויי לעוועלס. קודם כל, משיכיר בין תכלת ללבן, **שיכול לקרות קודם הנץ החמה.** ס'איז אינטערעסאנט, קודם הנץ החמה, אויב ס'איז נאך זמן שכיבה פאר א עונה, פארוואס זאל מען שוין דעמאלטס אנהייבן די צופרי?

ניין ניין, **כדי שיגמור לקרותה עם ברכותיה,** אה, ס'איז טייטש, ער זאל אנהייבן מאכן די ברכות פון פארדעם, זאל ער זאגן כדי ווען ס'איז נץ החמה... ניין ניין, ברכה אחרונה מיינט ברכה שלאחריו. ברכה אחרונה מיינט יא, ברכה שלאחריו. ס'מיינט ער גייט זאגן קריאת שמע נאכער, ער גייט דאווענען ביי נץ החמה. אבער יא, ער גייט ענדיגן קריאת שמע עם ברכותיה פאר די נץ החמה. דאס איז די מצוה.

ווייל, האבן דאס געלערנט, דאס האסטו שקצים וואס גייען שלאפן שפעט, מיינט נישט אז נארמאלע מענטשן. נארמאלע מענטשן שטייען אויף פאר די נץ החמה. איז וועגן דעם, איז די מצוה אז לכתחילה איז, הייב אן פאר די נץ החמה, און כדי עס זאל קענען ענדיגן די אנדערע ווערטער, אביסל פאר די נץ החמה, דאס איז זמן קריאת שמע.

דער רב זאגט, וואס איז דער שיעור? **ושיעור זה, כמו איסר שעה,** א צענטל שעה, **קודם שתעלה השמש.** אהא, נקרא זעקס מינוט, שטימט. מען זעט דא אויך אז מען דארף לייענען שטייטלעך. עס מיינט אז פון קריאת שמע ביז גאל ישראל, דעם וועגן זעקס מינוט.

## Speaker 2:

פון יוצר אור?

## Speaker 1:

פון יוצר אור, יא, אקעי, קען זיין. הייסט עס, אז עס זאל קלאר אויס, אדער פון יוצר אור, אדער פון די צווייטע ברכה. ער זאל אנהייבן זאגן די ברכות. יא, אקעי. עס זאל עס גיין שנעל, זעקס מינוט, ברכות קריאת שמע.

**בדיעבד — ביז שלוש שעות**

ווייטער וועגן, איחר, בדיעבד דיבר, אויב ער האט פארשפעטיגט און געלייגט נאך נץ החמה, נאכדעם וואס די זון איז ארויפגעגאנגען יוצא דופן, וואס האט יוצא געווען, אבער שונה סוף, דער עיקר זמן קריאת שמע איז **עד שלוש שעות ביום,** לא עבר ואיחר. בדיעבד, אינו סוף, די עונה, די צייט ווען מען קען עס נאך דינען איז ביז שלוש שעות.

דער הייליגער רמב"ם מען לערנט, אז בדיעבד, מי שעבר, צו דער וואס האט עובר געווען אויף דעם מצוה צו לייענען אין צייט, וואס ער האט פארשפעטיגט. אמת, דער עכטער רמב"ם איז סתם לייענען יעדן טאג קריאת שמע כפסוקן, ווייל דער רמב"ם זאגט בפירוש אז עס איז א גרויסער בדיעבד צו לייענען ביז דאס וואס איז די סוף זמן קריאת שמע. נו, מי שעבר ואיחר. אזוי איז דער הייליגער רמב"ם'ס שיטה.

**בדיעבד פריער — פון עמוד השחר**

און נאכדעם איז דא נאך א סארט בדיעבד. אמת, דא נאך א בדיעבד, עס איז אביסל פריער. רייט? עס איז דא א בדיעבד שפעטער, לכתחילה איז אימער נץ החמה, בדיעבד אביסל נאך דעם, ביז שלוש שעות. און נאך א בדיעבד, ער לייענט פון דעם עמוד השחר. יא?

**מי שהקדים. מי שהקדים וקרא קריאת שמע של שחרית אחר שעלה עמוד השחר.** און ער האט נישט געווארט אויף די נץ החמה און דעמאלסט ענדיגן. **אף על פי שהשלים קודם.** ער האט געזאגט די גאנצע זאך, נאך פאר עס איז געווען נץ החמה. מיינט א סאך פאר דעם, בעיסיקלי, פאר שטייענדיג א שעה. יא.

דער רמב"ם ווייטער, **ובשעת הדחק, כגון שהיה משכים לדרך.** ער דארף אויפשטיין פרי ארויסצופארן. כולל לכתחילה משאול הולך דאס. דאס הייסט, דאס איז וואס איך זאג, אז די גאנצע זאך איז די עובדא אז איינער קען. ער קען דיך אביסל צוווארטן, ער זאל זיין די ריכטיגע צייט, ווארט צו. אויב ער קען נישט, איז דאך א לכתחילה. לכתחילה מיינט דאך ליטעראלי, ער פלאנט זיך אויס לכתחילה, ער גייט היינט אויסלייגן, ווייל ער דארף אויפשטיין ביי דריי, און ביי דריי קען ער נישט לייענען קריאת שמע.

### קריאת שמע נאך דעם זמן — "כקורא בתורה" און ברכות לפניה ולאחריה

**דער רמב"ם'ס שיטה: ווער עס לייענט קריאת שמע נאך דריי שעה**

דער רמב"ם זאגט, ביי די ווער, אז ער איז נישט יוצא גארנישט. ער איז נישט יוצא די מצוה פון קריאת שמע באונסו. אבער, ער איז יוצא, **"הרי הוא כקורא בתורה".** ווען ער לייענט קריאת שמע איז עס אזוווי קריאה בתורה. איז ער יא יוצא א געוויסע סארט קריאת שמע וואס הייסט "קורא בתורה".

**"כקורא בתורה" איז נישט גארנישט — ראיה פון "ומברך לפניה ולאחריה כל היום"**

אזוי מוז מען זאגן, ווייל קוק וואס ער זאגט ווייטער, **"ומברך לפניה ולאחריה כל היום".** ברכות קריאת שמע זאגט ער א גאנצע טאג, אפילו ער האט געדאווענט נאך שלש שעות.

דאס הייסט, ס'זעט אויס אז די "הרי הוא כקורא בתורה" מיינט נישט ס'איז גארנישט, אזוי ווי ער לערנט א פסוק חומש. לערנען א פסוק חומש, דערמאנען די... ער זאגט דאך "לפניה ולאחריה". ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. ניין, איך זאג, ווען ס'וואלט געווען סתם געליינט "קורא בתורה", וואלט נישט געווען קיין "לפניה ולאחריה". ס'איז אינטערעסאנט.

**דקדוק אין לשון: "לא יצא ידי חובת קריאת שמע באונסו" — נישט "לא יצא ידי קריאת שמע"**

און אויך, עס שטייט נישט "לא יצא ידי קריאת שמע", עס שטייט **"לא יצא ידי חובת קריאת שמע באונסו".** דאס הייסט, ס'איז נישט קיין שם זמן. ס'איז נישטא קיין שם זמן פון נאך דריי שעה. אבער די מצות קריאת שמע באופן כללי פון לייענען בייטאג איז יא דא. כקורא בתורה. אבער אזוי ס'איז אן אונס, און ממילא איז ער מברך. די ברכות קען ער מאכן א גאנצן טאג, ווייל וואס איז די ברכות? אויב איז דא דער זמן, וואס איז א חילוק? דער זמן איז נישט אוועקגעגאנגען נאכמיטאג.

**אנאליז פון די ברכות: פארוואס קען מען זיי זאגן א גאנצן טאג**

ניין, די ברכה לפניה ולאחריה איז דאך אפילו די ברכות וואס האט צוטון מיט קריאת שמע, נאר האט נישט קיין שייכות ווען דאס אז קריאת שמע האט אן עונה. ס'איז דאך כקורא בתורה, ס'איז דאך נאך אלץ חשוב'ער ווי לייענען אנדערע חלקים פון די תורה. א מינוט, ס'איז נאך אלץ חשוב'ער ווי לייענען סתם פסוקים, ווייל דאס איז דאך פסוקים וואס האט יחוד השם, ואהבת, ויראתם, און אזוי ווייטער, וואס דער רמב"ם האט אויסגערעכנט. און אפשר וועגן דעם איז דא די ברכה פון לפניה ולאחריה.

**וואס זענען די ברכות און וואס איז זייער שייכות צו קריאת שמע**

ניין, וואס זענען די ברכות? וואס האבן די ברכות מיט קריאת שמע עניוועי? וואס זענען די ברכות?

**אהבה רבה** — אהבה רבה רעדט וועגן אהבת התורה, וועגן דעם זאגט ער. זייער גוט, וואס איז די פראבלעם? דאס איז ברכת התורה. ס'איז ברכת התורה. זייער גוט, איז דאך ברכת התורה, האבן זיי אריינגעלייגט א ברכת התורה. ברכת התורה קען מען מאכן ווען מען וויל.

און וואס איז די ערשטע ברכה? **יוצר אור** — דאס האט גארנישט מיט די זמן. די זמן גייט נישט אוועק נאכמיטאג.

אבער די לעצטע ברכה, **אמת ויציב**, וואס מ'זאגט וועגן יציאת מצרים, וועגן די אמת וואס מ'האט יעצט געזאגט, אויך, דאס איז אלעס גוטע ברכות. די ברכות האבן נישט גארנישט מיט די זמן. די ברכות קומט אריין א גאנצע צייט. אבער די מצוה פון ליינען קריאת שמע בעונתה איז מען נישט יוצא.

זייער גוט. און גמרנו די פרק.

**דער רמב"ם'ס שיטה אין פארגלייך מיט אנדערע — חומרא און קולא**

וואס דער רמב"ם לערנט איז דא אוודאי אנדערע וואס זאגן אנדערש, אבער דאס איז די שיטה פון רמב"ם. ס'איז דא וואס זאגן מ'זאל בכלל נישט ליינען קריאת שמע נאכדעם. מ'דארף וויסן ווער ס'זאגט אזוי.

**דער רמב"ם און חצות**

דער רמב"ם מאכט א חילוק צווישן חצות און נאך חצות. חצות האט גארנישט מיט קריאת שמע. ס'איז דא דריי שעה, און נאכדעם איז דא חצות מיט קריאת שמע. קיינער זאגט נישט אז חצות האט מיט קריאת שמע. אפשר איז דא א ווייטערע ווארט וואס ער זאגט וועגן ברכות קריאת שמע, אבער דער רמב"ם זאגט נישט אזוי.

**דער רמב"ם'ס חומרא און קולא**

דער רמב"ם האט איין חומרא און איין קולא לגבי וואס דער עולם ווייסט.

א גרויסע חומרא, א גרויסע זאך, דער רמב"ם האלט אז די מצוה לכתחילה איז צו ליינען וואס אונז רופן כותיקין, איך וועל נישט ליינען די ווערטער ווייל דער רמב"ם ברענגט נישט די לשון, ביי הנץ החמה. אלעס אנדערש איז בדיעבד.

צווייטנס, מצד שני איז דער רמב"ם זאגט אז ווער ס'ליינט שפעטער, דאס הייסט אפילו נאך ד' שעות, ער איז טאקע נישט יוצא בכלל די מצות קריאת שמע בעונתה, אבער ברכות און אזוי ווייטער, כקורא בתורה, האט ער יא.

**פשט אין דער משנה: "הקורא מכאן ואילך לא הפסיד כאדם הקורא בתורה"**

דאס הייסט דער רמב"ם זאגט אז כקורא בתורה איז נישט סתם. ס'מיינט נישט אז מ'זאל עס נישט טון, ס'מיינט אז מ'זאל עס יא טון. דאס איז דאך די משנה. **הקורא מכאן ואילך לא הפסיד כאדם הקורא בתורה**, זאגט די משנה.

אין אנדערע ווערטער, די משנה מיינט צו זאגן, איך דארף זאגן הלכה פאר'ן עולם וואס שטייט אויף שפעט. די הלכה איז אז אויב מ'שטייט אויף שפעט זאל מען ליינען קריאת שמע מיט די ברכות. אזוי שטייט אין דער משנה. ניין, די משנה שטייט זיכער מיט די ברכות איז דער רמב"ם, אבער זיכער אין די משנה שטייט מען זאל ליינען קריאת שמע.

"לא יפסיק אדם מלימוד תורה", מאך דיך נישט נאריש, א ליסט ליינען, א ליסט ליינען, האט ער געלערנט א גוטן שטיקל תורה, אזוי ווי דו זאגסט, איינע פון די וויכטיגסטע פרשיות אין די תורה. ס'מיינט נישט אז מ'איז פטור, מ'שטייט אויף שפעטער איז מען נישט פטור. ס'איז א חילוק, מ'פארפאסט א וויכטיגע מצוה פון קריאת שמע בזמנה.

---